מאָנטיק, דעם 22סטן יוני ה.י., א טאָג פארן אָפיציעלן דערעפענען דעם באנייטן בית הקברות אויף דער וואלעטשניך גאס, האָבן שרה און מאנפרעד פרענקעל, אין באגלייטונג פון ד"ר יוסף בורג און זיין פרוי, פון ד"ר פלדיאל און פון מיר און מיין פרוי באזוכט דאָס אָרט, ווו עס זענען נאָך פאָרגעקומען די לעצטע ארבעטן, כדי אלץ אויסצוענדיקן צו די מאָרגנדיקע פייערונגען. פאר אונדזערע אויגן האָט זיך אנטפלעקט דער ברייטער, באקוועמער אריינגאנג פון 16 טרעפּ אין דעם בית הכנסת־מאזאָלעום, ווו מ'וועט קאָנען אָפּריכטן א יזכור, צי אנדערע תפילות. פאראן דאָרט א בעלעמער און בענק. נאָר פאר אלעמען ווארפט זיך אין די אויגן די פארצאמונג ארום דעם גרויסן, הייליקן אָרט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אן אָריגינעלע סטרוקטור און קאָמפּאָזיציע פון יידישער טראדיציע, רעליגיע און געשיכטע. נאָך יעדע פינף מצבות – א מנורה. און ווידער 5 מצבות, באהאָפטן מיט נאָך 5 דורך א מנורה. איך האָב פרובירט אָפּציילן – א 340 אזעלכע מצבות, וואָס אויף אייניקע פון זיי זענען שוין אויסגעקריצט די נעמען פון לובלינער משפחות, ווי באס, מושקאטבליט און אנדערע,



הגדר סביב בית הקברות המשוקם מורכב ממ:בות – כל חמש מצבות מחוברות עם מנורה

די פאַרצאַמונג אַרום באַנייטן בית הקברות באַשטייט פון מצבות – יעדע 5 מצבות זענען באַהאָפטן מיט א מנורה

וואָס זענען פריער באַשטעלט געוואָרן (און מ'קאָן דאָס באַשטעלן אויך איצט).

ביים אַריינגאַנג אין מאַזאָלעום, זעט מען אויפשריפטן, פסוקים פון תנ"ך (יואל ד' כא): "ונקיתי דמם לא־נקיתי"... אאז"וו, ווי אויך (פון ישעיהו) "כל כלי יוצר אליך לא יצלח". און די צושריפט אין יידיש:

"דער לובלינער בית עולם געגרינדעט אין יאָר 1829, איז צעשטערט געוואָרן דורך די נאַציס ימ"ש אין די מלחמה־יאָרן 1939־1944. צוריק רענאָווירט געוואָרן תמוז תשנ"א דורך שרה און מאַנפרעד פרענקעל שיחיו, צום אָנדענק פון אירע עלטערן משה און הענטשע באַס הי"ד און איר ברודער חיים באַס הי"ד, אומגעקומען דורך די נאַציס ימ"ש אין מיידאַנעק, 1942".

די דערמאָנטע אויפשריפט איז אויך אין עברית און אין פויליש. צום סוף פון דעם באַזוך ווייזט אונדז מאַנפרעד פרענקעל די מצבה פון פיר רבנים, וועמענס קבר איז אַנטדעקט געוואָרן בעת די רעמאָנט־אַרבעטן.

צומאָרגנס, דעם 23סטן יולי, איז פאָרגעקומען די אָפיציעלע דערעפענונג פונעם באַנייטן בית־הקברות, אָנגעפירט פון ה' ווילדשטיין, פאָרזיצער פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע אין פוילן. די רשימה פון די באַגריסערס איז א גענוג לאַנגע, הגם זייערע רעדעס זענען געווען קורצע (אויסער פון פּראַלאַט פּאָדעמבניאַק). איך מיין, אַז אין דעם אַקט האָבן זיך באַטייליקט א 300־400 פערזאָן. ס'האָבן גערעדט: הרב יאָסקאָוויטש, הויפט רב פון פוילן; שרה און מאַנפרעד פרענקעל; דער לובלינער וואָיעוואָדע; דער הויפט־רב פון אַנטווערפּן; ד"ר יוסף בורג, וואָס האָט צוזאַמען מיט ד"ר פלדיאל צוגעטיילט די מעדאַלן פון יד ושם די דערמאָנטע פּאָלאַקן און ביי דער געלעגנהייט איבערגעגעבן, אַז ביז איצט האָט יד ושם אויסגעצייכנט 3.200 נישט יידן, חסידי אומות העולם, פאַר ראַטעווען יידן; הרב בעסער פון דער לאודער

פונדאַציע אין די פאַר. שטאַטן, וואָס האָט איבערגעלייענט א בריוו פון אַמעריקאַנער וויצע־פּרעזידענט קוועיל; הרב אַבראַמאָוויטש פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט אָפּצוהיטן די יידישע בתי־הקברות אין פוילן און פאָרזיצער פון דער אַלוועלטלעכער אגודת ישראל; דער סעקרעטאַר פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פוילן, דער בירגערמייסטער פון לובלין, דער פּראַלאַט פּאָדעמבניאַק.

ס'איז געווען אַן איינדרוקספולער אַקט פון באַנייאונג און פאַראייביקונג. נאָר ווי לאַנג און ווי אַזוי דאָס אַלץ וועט ווערן אָפּגעהיטן – איז שוין אָפּהענגיק פון די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען, ווי אויך פון דער באַציאונג פון לובלינער יידן צו דעם אָרט, וווּ עס רוט דער געביין פון אונדזערע אבות אבותינו...

## די באַטייליקטע יידן פון לובלין און אויסער לובלין

ביז דעם 10סטן יולי ה.י., האָט מען נאָך נישט געוווּסט, ווער וועט פון ישראל פאָרן קיין לובלין צו די פייערונגען. אין דער תל־אביבער רייזע־ביוראָ "מגידו" האָט דער ציפער זיך געוואַקלט פון עטלעכע צוואַנציק ביז... 4 אָדער 5. אין א געוויסן טאָג איז די צאָל אויך דערגאַנגען צו איין פּאָרל, נישט מער. און פון אויסלאַנד איז בכלל נישט געווען קיין קלאָרע ידיעות. דעריבער האָט נישט איינמאָל זיך פאַרגנבעט א חשד, אַז אַזעלכע אונטערנעמונגען לזכר דער יידישער לובלין, דערצו נאָך אין לובלין גופא, וועלן פאָרקומען אָן דעם אַנטייל פון לובלינער יידן. דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז א קנאַפּע פערציק בני־עיר זענען יאָ געקומען קיין לובלין, שוין אָפּגערעדט פון א גאַנצער ריי פערזענלעכקייטן, נישט לובלינער.

פון ישראל – די פאָרפעלקער אָבליגענהאַרץ, באַנק־ערליכמאַן, טאוב, מאַנדעלמילך מיטן אייניקל דנה פרידמאַן, שטאָקפיש, פרידמאַן־ראַכמאַן מיט צוויי זין און א שנור, איגעלקאַ מיט צוויי זין און שנור, לובאַ און משה קאָרן מיט צווי באַגלייטערינס, שלמה און זשאַק מושקאַטבליט (פון פראַנקרייך), יצחק שניידמאַן פון געטעבאָרג, העניעק ראָט פון סידני, ראובן פרידמאַן פון ניו־יאָרק, שרה און מאַנפרעד פרענקעל פון בעלגיע און אייניקע יידן, וואָס וווינען היינט אין לובלין.

און ס'איז געווען אַן אַנגענעמע און בכבודיקע איבעראַשונג דער אַנטייל פון ד"ר יוסף בורג, לאַנגיאָריקער מיניסטער פון די ישראל־רעגירונגען, כנסת־דעפּוטאַט און פאָרזיצער פונעם וועלטראַט פון יד ושם. זיינע אַרויסטרעטונגען אין עברית, ענגליש און דייטש האָבן איבערגעלאָזט א שטאַרקן רושם אויף די צוהערערס. צווישן די אַנדערע חשובע געסט, האָבן מיר אויך געזען די הויפּט־רבנים פון אַנטווערפּן און פוילן: ד. מ. ליבערמאַן און מנחם יאָסקאָוויטש; הרב י. מ. אַבראַמאָוויטש, דער הויפּט־חזן פון אַנטווערפּן, בנימין מילער; פוילישע גייסטלעכע, פּראָפעסאָרן פון די לובלינער אוניווערסיטעטן, פאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער "פאָלקסשטימע", יהושע פיאַסעק.

דעם אמת געזאָגט, האָט מען געגלויבט, אַז פון ישראל און פון דער וועלט וועלן זיך צונויפקומען אין לובלין א הונדערט לאַנדסלייט, הגם מ'האָט אויך נישט פאַרגעסן, אַז דער רוב לובלינער יידן האָבן נאָך באַוואָרענישן און קעגנערשאַפט צו

באַזוכן דאָס לאַנד, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מאַסן־קבר פון פּוילישן ייִדנטום.

## אויפן אַלטן בית הקברות, אין דער געוו. ישיבת חכמי לובלין און ייִדישן שפּיטאָל

נישט ווייט פונעם באַנייטן ייִדישן בית עלמין אין לובלין, געפינט זיך דער אַלטער בית הקברות, וועלכער געהערט אויך צו די אָפּגעהיטענע ייִדישע אַלטערטימלעכקייטן און קולטור־אוצרות. האָבן מיר, די געסט פון ישראל און פון די תפוצות געקוקט אויף די מצבות, וועלכע שטייען דאָרט שוין הונדערטער יאָרן אויף די קברים פון די גדולי הדור פון דער ייִדישער לובלין – מצבות, וואָס האָבן איבערגעלעבט כמעלניצקיס איבערפאַל אויף דער שטאָט, די צאַרישע און עסטרייכישע אָקופּאַציעס, פּוילנס הערשאַפט און דעם ברוטאַלן היטלעריסטישן רעזשים.

ביי איינער פון די אַלטע מצבות אויפן קבר פון ר׳ יעקב קאָפּעלמאַן הלוי, וואָס איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1541, האָט מען אָנגעצונדן ליכט און געזאָגט קדיש. מיט 7 וואָכן פריער איז דאָרט פאָרגעקומען א יזכור־אַקט צום 450סטן יאָרטאָג פון גרינדן דעם אַלטן בית־הקברות, אָרגאַניזירט דורך דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע אין פּוילן און דורך דער געזעלשאַפט אָפּצוהיטן די אָנדענק־ערטער פון דער ייִדישער קולטור אין לובלין (די באַשרייבונג פון דער פייערונג, זע אויף ז׳ 16).

באַזוכן לובלין אין יאָר 1991, פאַרפליכטעט אויך אַריינצוגיין אין דער געביידע פון דער באַרימטער, פאַרמלחמהדיקער ישיבת חכמי לובלין. דער בנין האָט זיך אויפגעהיטן, ווי מיר געדענקען אים פון די דרייסיקער יאָרן. נאָר אַנשטאָט דעם אַמאָליקן אויפשריפט פון די דריי דערמאָנטע ווערטער, זעט מען היינט אויף דער פראָנט־וואַנט די צוויי לאַטיינישע ווערטער: COLLEGIUM MAIUS. דאַקעגן ביים אַריינגאַנג, איז אויף א שילד אויסגערעכנט די נעמען פון די אַלע אַנשטאַלטן, וואָס געפינען זיך אין דעם ישיבה־בנין: די מעדיצינישע אַקאַדעמיע אין לובלין, די אַנשטאַלטן פאַר פיזיאָלאָגישער כעמיע, ביאָכעמישער, עפּידעמיאָלאָגישער, פיזיאָלאָגישער און פאַרמאַוועצטישע מיקראָביאָלאָגיע און אַנדערע.

נאָך מיט 4 יאָר צוריק האָט מען געזאָרגט דערפאַר, אַז אויף דער פראָנט־וואַנט פון דער ישיבה זאָל ווערן אויפגעקלאַפּט אַן אָנגעזעענע שילד מיט אויפשריפטן אין 3 שפּראַכן, וואָס דערציילן וועגן דער אַנטשטייאונג פון דעם אַנשטאַלט און איר גרינדער הרב מאיר שאַפּיראָ. אויך אינעווייניק האָבן מיר אַנטדעקט צוויי איינריכטונגען, וועלכע דערמאָנען די ישיבה: דעם בית הכנסת, וועלכע איז געוואָרן אָפּגעהיטן מיט זיין פולער איינריכטונג און אויסשטאַטונג (אויסער ספר־תורות), מיטן בעלעמער, די בענק, די עזרת נשים, די זשיראַנדאָלן. מיר האָבן אויך באַוואונדערט אַן איינגעאָרדנטן בית תפילה אין א זייטיקן ווינקל־צימער, ווי עס שטייט אַן ארון־קודש מיט א פּרוכת, נאָר אַן א ספר־תורה. פאַראַן דאָרט עטלעכע פּאָליצעס מיט א פּאָר סידורים, א טלית, א 2־3 בענק. יעדער באַזוכער קאָן דאָרט זאָגן קדיש, אָדער אָפּריכטן א תפילה.

פונעם ישיבה־בנין זענען מיר אַוועק אין געוו. ייִדישן שפּיטאָל, וואָס דינט היינט פאַר דעם זעלבן צוועק, נאָר פאַר א קינפּעטאָרין־אַנשטאַלט. דאָ, אינעם גאָרטן פון שפּיטאָל, האָט



בבית הקברות הנוצרי ברחוב ליפובה. טקס גילוי המצבה על קבר אחים של 36 פרטיזנים יהודים, שנפלו בקרב עם הגרמנים. המצבה הוקמה מקרן שרה ומנפרד פרנקל.

אויפן קריסטלעכן בית־הקברות אויף ליפּאָווע גאַס, איז פאָרגעקומען די אַנטהילונג פון דער מצבה אויפן ברידער־קבר פון 36 ייִדישע פּאַרטיזאַנער, אומגעקומען אין קאַמף מיט די דייטשן.

אונדזער בת־עיר סויקה באַנק־ערליכמאַן, וואָס האָט בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע דאָרט געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער און געווען אַ לעבעדיקער עדות פון דער אויסזידלונג פון די קראַנקע, צוזאַמען מיטן מעדיצינישן פּערסאָנאַל – האָט דערציילט (אין דער פּוילישער שפּראַך) דעם לעצטן וועג פון די פּאַציענטן און דאָקטוירים. נישט איין טרער איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן פון סויקאַס טראַגיש־רירנדיקע ווערטער. (אירע רייד ברענגען מיר אויף ז׳ 4).

## צום אָנדענק פון די 36 געפאַלענע יידישע פּאַרטיזאַנער

בעת אַ באַזוך פון שׂרה און מאַנפרעד פרענקעל אויפן קאַטוילישן צמענטאַזש אויף ליפּאָווע גאַס מיט אַ יאָר צוריק, אויפן קבר פון פאָלאַק וולאַדיסלאַוו יאַנטשאַרעק, האָבן זיי צופעליק אַנטדעקט אַן אויפשריפט: ״דאָ ליגן די ביינער פון 36 יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף מיטן היטלעריסטישן שונא״. דער אויפשריפט האָט נישט געלאָזט רוען מאַנפרעד פרענקעל און צוזאַמען מיט שׂרה׳ן באַשליסן זיי אוועקצושטעלן אויף דעם אָרט אַ פּאַסיקן שטיין־מצבה לזכר די העלדן. פרענקעל איז אַפילו געווען גרייט אַדורכצופירן אַן עקסהומאַציע, נאָר פון ראַבינאַט איז געקומען אַ פאַרבאָט, קוים זענען נישט אַלע אין דעם ברידער־קבר יידן.

זענען מיר אַוועק אויפן צמענטאַזש אויף דער ליפּאָווע גאַס און צווישן זייער אַ סך מצבות מיט צלמים, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט דער אָנדענק־שטיין מיטן אויפשריפט אויף עברית און פּויליש: ״פּ״נ שלושים ושש פּרטיזנים יהודים, שנהרגו בזמן הכיבוש הנאצי״.

אויף דעם שטיין ווערן אַוועקגעלייגט קרענץ פון יד ושם ירושלים, פון שׂרה און מאַנפרעד פרענקעל און מיר הערן אויך אַ קדיש און אל מלא רחמים.

## אין מיידאַנעק

ווי דערמאָנט, איז דער טאָג פון 23סטן יולי 1991 זיך צונויפגעפאַלן מיטן 47סטן יאָרטאָג פון באַפרייען מיידאַנעק. אָט געפינען מיר זיך אויף דעם געשפּענסטיקן אָרט אין לובלין, וווּ די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס – ביי אַ טעמפּעראַטור פון איבער 7000 גראַד – האָבן געאַרבעט אָן איבעררייס. דאָ זעט מען איינע פון די באַוווּסטע טויט־פאַבריקן פון דער נאַצישער מאָרד־אינדוסטריע, מיט איר טעכניק, ווי אַזוי אומצוברענגען מאַסנווייז מענער, פרויען, קינדער. אויף דעם אָרט זענען אויפגעהיטן די וועכטער־טורעמס, די אַרומצוימונגען פון שטעכלדראָט, די סעקציע־טישן און ברעטער, אויף וועלכע מ׳האָט געזוכט ביי די טויטע גאָלד און ווערטזאַכן, די אויוונס און ״דעזינפעקציע־קאַמערן״, אין וועלכע מ׳האָט אַריינגעלאָזט דעם גאַז ציקלאָן ב׳.

מען פירט אונדז צו צום מאַסן־קבר פון עקזעקוציע־גריבער, וווּ מ׳האָט אין איין טאָג, דעם 3טן נאָוועמבער 1943, דערשאָסן 18.400 יידן. ביי דעם אָנדענק־שטיין זאָגט העניעק ראָט קדיש. ביים סאַרקאָפאַג ביים אַריינגאַנג אין דער גאַז־קאַמער, ווערן אַוועקגעלייגט קרענץ פון דער פרענקעל־פונדאַציע, פון יד ושם און פון נאָמען פאַרבאַנד פון געוועזענע פּוילישע קאַצעטלער אין מיידאַנעק. ליכט ווערן אָנגעצונדן פון שלמה מושקאַט, צעשאַ אַבליגענהאַרץ, סויקה ערליכמאַן און



העניעק ראָט מסידני אומר ״קדיש״ ליד קבר אחים במיידאנק
העניעק ראָט פון סידני, זאָגט ״קדיש״ ביים ברידער־קבר אין מיידאַנעק

רבקהלע שטאָקפּיש. ד״ר יוסף בורג זאָגט קדיש און דער אל מלא רחמים פון אַנטווערפּענער חזן פון דער גרויסער שיל, קלינגט אָפּ מיט אַ מעכטיקן עכאָ איבער גאַנץ מיידאַנעק.

דער גלח וולאַדיסלאַוו קאָוואַליק, וואָס איז אַלס קינד געווען אין מיידאַנעק, האָט דערציילט וועגן טאָג פון באַפרייען דעם טויטן־לאַגער דורך דער רויטער און פּוילישער אַרמיי. קריסטינאַ מאַדאַלאָוואַ, די לייטערין פון מיידאַנעק־מוזעום, אַ האַרציקע, איידעלע פרוי, וואָס פאַרנעמט זיך לעצטנס מיט צונויפשטעלן אַ פולע רשימה פון אומגעקומענע יידן אין מיידאַנעק, פרעגט ביי מיר דעם באַטייט פון דער תפילה אל מלא רחמים, וועלכע דער חזן מילער האָט אויסגעזונגען מיט אַזוי פיל כוח און געפיל. זי פאַרשרייבט מיין אויפקלערונג און איך זע, אַז זי איז נישט ווייניקער גערירט, ווי די אַנוועזנדיקע יידן. מיר קוקן ביידע אויף דעם אויפשריפט ביים מאָנומענט, אין דער פּוילישער שפּראַך: ״לאָס נאַש דלאַ וואַס פּשעסטראָגאָן״ (״אונדזער גורל איז פאַר אייך אַ וואָרענונג״).

## ביים דענקמאָל

די געזעגענונג מיט לובלין איז פאָרגעקומען ביים דענקמאָל לזכר די יידן פון שטאָט און אומגעגנט, די קרבנות פון די דייטשישע רציחות אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער דענקמאָל איז געוואָרן אויפגעשטעלט אין יאָר 1963, אויף דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע יידן, דעמאָלטדיקע איינוווינער אין פּוילן. פאַרן דענקמאָל, וואָס געפינט זיך הינטערן מאַגיסטראַט, זענען געלייגט געוואָרן קרענץ. מיט קורצע רעדעס זענען אַרויסגעטרעטן: יצחק שניידמאַן, פון די איניציאַטאָרן אויפצושטעלן דעם דענקמאָל און מאַנפרעד פרענקעל, וואָס האָט אין רירנדיקע ווערטער זיך געזעגנט מיט די געסט פון ישראל און פון די תפוצות. דער אויפשריפט אויפן דענקמאָל, אין יידיש און פּויליש, גיט, בעצם, איבער אונדזער אַלעמענס געפילן: ״אין יעדער בערגל אש זוך איך מיינע נאָענטסטע״.

אויפן דענקמאָל זענען אויך אויסגערעכנט די נעמען פון די אַרבעט־לאַגערן און טויט־פאַבריקן פון דער היטלעריסטישער מאָרד־מאַשין אין לובלינער געגנט: קרעמפּיץ, סאָביבור, מיידאַנעק, זאַמאָשטש, בודזין, פּאָניאַטאָוואָ, טראַווניק, בעלזשעץ״ – נאָך פונקטן אויף דער מאַפּע פון די נאַצישע מאָרד־קאַמבינאַטן.

## ביים שטאָט־פּרעזידענט און פּאָרזיצער פון שטאָטראַט

מיר האָבן גערן אָנגענומען די איינלאַדונג פונעם פּאָרזיצער פון לובלינער שטאָטראַט, ד"ר מארעק פּאָניאַטאָווסקי און דעם שטאָט־פּרעזידענט סלאַוואָמיר יאַניצקי, מיט וועלכע ס'איז פּאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער מיינונג־אויסטויש, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט: סויקה און מאיר באַנק, צעשא און לייבל אָבליגענהאַרץ, שלמה מושקאַט, הענרי ראָט, רבקהלע און דוד שטאָקפּיש און צוויי זשורנאַליסטן פון לובלינער צייטונגען.

די איצטיקע לובלינער "שטאָט־טאַטעס" האָבן אויסגעדריקט זייערע ווונטשן אָנצוהאַלטן פאַרבינדונגען צווישן ייִדן און לובלין וואָס וווינען נישט היינט אין דער שטאָט, מיט דער שטאָט, וווּ זיי האָבן אַמאָל געלעבט, ווי, צום ביישפּיל: איינע פון די שטעט אין ישראל זאָל שליסן אַ "צווילינג־בונד" מיט לובלין, ווי דאָס האָבן געטאָן אַ ריי שטעט אין ישראל מיט שטעט אין אייראָפּע און אַמעריקע. דער שטאָט־פּרעזידענט האָט אַפילו געוווּסט אָנצורופן די נעמען פון עפולה, ראשון־לציון און עכו, ווי עווענטועלע קאַנדידאַטן פאַר אַ "צווילינג־הסכם" מיט לובלין. מיר, די ישראלים, האָבן זיי צוגעזאָגט צו ווירקן אין דער ריכטונג. ס'איז אויך וויכטיק איינצושטעלן באַזוכן פון דער יוגנט, שילערס און אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך אָנהאַלטן קאָנטאַקטן מיט דער לובלינער אָפּטיילונג פון דער פריינטשאַפט־געזעלשאַפט ישראל־פּוילן.

דער פּאָרזיצער פּאָניאַטאָווסקי האָט דערציילט, אַז אויפן סמך פון זיין בריוו, וועלכער איז דערשינען אין פּאָריקן נומער "קול לובלין", האָבן זיך אָפּגערופן צוויי געווו. לובלינער ייִדן: אייזענבערג פון לאָס אַנזשעלעס און גלעדמאַן פון סאַן־פראַנציסקאָ.

## צוזאַמענטרעף מיט ייִדן פון היינטיקן לובלין

וויפל ייִדן וווינען היינט אין לובלין? ווער פון זיי זענען "עכטע" לובלינער? איז פאַראַן אַן אויסזיכט אָנצוגיין מיט אַ ייִדיש לעבן אין דער היסטאָרישער שטאָט? די אַלע פראַגן זענען נישט געשטעלט געוואָרן אויף דעם פריינטלעכן צוזאַמענטרעף פון קליינטשיקן ייִדישן ישוב אין לובלין, מיט די אויסלענדישע געסט. אויף דעם צוזאַמענטרעף אין אָנדענק־צימער אויף לובאַרטאָווסקע 10, מיטן אַנטייל פון אַ 40 פּערזאָן, זענען מיט קורצע רעדעס, אָדער באַגריסונגען אַרויסגעטרעטן: מאַריאַן אַדלער, מאָניש איזראַעלוויטש און דער פּאָלאַק יאַן גזשעשיק פון לובלין, הענריק ראָט פון סידני, יצחק שניידמאַן פון געטעבאָרג, שלמה מושקאַט פון ליל, לייבל אָבליגענהאַרץ און דוד שטאָקפּיש פון ישראל. מ'האָט גערעדט וועגן עליה, וועגן אָפּהיטן די ייִדישע אָנדענק־ערטער אין שטאָט, וועגן קאָנטאַקטן צווישן לובלינער אין דער וועלט און אין ישראל מיט די איצטיקע איינוווינער אין שטאָט. נאָר וואָס שייך פּערספּעקטיוון און אויסזיכטן – האָט מען נישט דערמאָנט.

פון דעסטוועגן איז געווען וויכטיק דער צוזאַמענטרעף, אַפילו נאָר כדי צו דערמוטיקן דאָס הייפל אָרטיקע ייִדן און זיי געבן דאָס געפיל, אַז מיר געדענקען אין זיי און ווילן אָנהאַלטן פאַרבינדונגען. נאָר איך וואָלט געבעטן די דאָזיקע ייִדן: אָפּצוהיטן מיט מער פּיעטעט און יראת הכבוד דעם אָנדענק־צימער אינעם געוו. בית המדרש פון חברת נושאים, זאָרגן פאַר די אויסגעשטעלטע עקספּאָנאַטן, פאַרגרעסערן זייער צאָל און באַשטימען רעגולערע טעג און שעהן, ווען דאָס אָרט זאָל זיין אָפן און צוטריטלעך פאַר באַזוכן פון ייִדן און נישט־ייִדן. אַ שאָד, וואָס אַזאַ וויכטיקער לובלינער אָנדענק־אָרט זאָל ווערן פאַרנאַכלעסיקט און מ'זאָל אים נישט קאָנסערווירן ווי ס'געהער צו זיין.

## דער קבלת־פּנים און געזעגענונג

מיטוואָך דעם 24סטן יולי, האָבן שרה און מאַנפרעד פרענקעל איינגעאָרדנט אַ קבלת־פּנים און געזעגענונג, מיטן אָנטייל פון איבער הונדערט פּערזאָן. צווישן זיי: דער לובלינער וואָיעוואָדע, דער שטאָט־פּרעזידענט, רעקטאָר פון אוניווערסיטעט א.נ. פון מאַריאַ קירי־סקלאַדאָווסקאַ און די געסט פון ישראל און פון די תפוצות. די רייד פון מאַנפרעד פרענקעל האָבן אַלעמען גערירט. אויך יוסף בורג, וואָס האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן באַנוצן זיך מיט דער דייטשישער שפּראַך – "די שפּראַך פון די מערדערס" – ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, כדי צו דערמעגלעכן דער איבערזעצערין זי זאָל איבערפירן זיינע רייד אויף פּויליש, האָט גערעדט וועגן דער שואה און תקומה פון אונדזער פאָלק. דער שרייבער פון די שורות האָט אין ייִדיש און אין פּויליש דערציילט וועגן דער אַמאָליקער ייִדישער לובלין און אין נאָמען פון די בני־עיר אין ישראל און אין דער וועלט, באַדאַנקט די פרענקעלס פאַר אויפהיטן דעם בית עלמין אויף דער וואַלעטשניך גאַס און אים פאַרוואַנדלען אין אַ מאַזאָלעום לזכר דער אַמאָליקער ייִדן־שטאָט. דעם פייערלעכן אָוונט האָט פאַרענדיקט דער באַפולמעכטיקטער פון דער פרענקעל־פונדאַציע אין פּוילן, אַנדזשעי וואַיטאָוויטש.

אין מיין אַרויסטריט אויפן קבלת פּנים און געזעגענונג, האָב איך געזאָגט צוו. אנד.:

"שטעלט אייך פאָר, חשובע פריינט און לאַנדסלייט, די געפילן, עמאָציעס און איבערלעבונגען פון אַ ייִד ווי איך, וואָס האָט אין סעפּטעמבער 1939 פאַרלאָזט די שטאָט און לעבט היינט אין מדינת ישראל, שוין 43 יאָר. איך מיין די לעצטע 2 טעג, נאָך די טרויער־אַקטן אין מיידאַנעק, ביים דענקמאָל, אין דער געוו. ישיבת חכמי לובלין, שפּיטאָל און אויף דריי בתי־הקברות. אַלץ צוזאַמען האָט מיר דערמאָנט דעם סלאָגאַן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, נאָך דער גרויסער פאַרפּלייצונג פון דער ווייסל אין די דרייסיקער יאָרן, ווען די רעגירונג האָט געבעטן הילף פאַר די געליטענע פון דער נאַטור־קאַטאַסטראָפע: "אָסכלאַ יוזש זשעמיאַ, אָסושמי לזי" ("די ערד האָט שוין אויסגעטרוקנט, לאָמיר אויסטרוקענען די טרערן"). מיר ווייסן, אַז די ערד פון לובלין און אומגעגנט איז נאָכן היטלעריסטישן מבול דורכגעווייקט מיט אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט און אפשר האָט זי שוין אויסגעטרוקנט. נאָר אונדזערע טרערן, אַ האַלבער יאָרהונדערט נאָך דער שואה, הערן נישט אויף צו פליסן, אַפילו ווען די אויגן זענען נישט נאַס. דעריבער איז דער פאַרלאַנג און תפילה פון אונדז ייִדן, וואָס זענען געבוירן און אויפגעוואַקסן אין דער שטאָט, אַז ס'זאָל קומען דער טאָג, ווען טרויער און טרערן זאָלן פאַרשווינדן און אַז די באַציאונגען צווישן אונדזערע ביידע פעלקער און לענדער זאָלן אַרויפגיין אויפן דרך המלך פון

**פארשטענדיקונג, קאָאָפּעראַציע, קעגנזייטיקער צוטרוי, פריי פון פאראורטיילן.**

**איך וויל גלויבן, אז עס וועט קומען אזא טאָג, אויב אויף דער פּוילישער ערד וועט פארשווינדן דער אנטיסעמיטיזם און אז אויך ביי אונדז, לובלינער יידן, וועט פאָרקומען א געוויסע "איבערראשונג פון ווערטן" און מיר וועלן קוקן אויף די ענינים מיט אן אנדערן בליק. מיינע רייד זענען אויך געווענדט צו אונדזערע לאנדסלייט, וואָס האָבן א סך שווערע טענות לגבי פּאָלאקן – און ס'איז נישט גרינגצושעצן די דאָזיקע טענות. פון דעסטוועגן דערלויב איך מיר פעסטצושטעלן, אז עס זענען אויך פאראן א סך א סך אנדערע פּאָלאקן, באזונדערס פונעם יונגן דור, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באקענען און אפילו צו באפריינדן בעת מיינע 3 באזוכן אין לובלין, אין די לעצטע 4 יאָר. און זיי, די פאָרשטייער פונעם נייעם דור, ווי פיל אנדערע, האָבן זיך פארדינט אן אנדערע באציאונג און צוגאנג.**

**און פונקט ווי ס'איז פאר מיר געווען אן אנגענעמע איבערראשונג די פאָרשטייער פונעם יונגן דור פּאָלאקן, אזוי בין איך פול מיט באוואונדערונג און שטוינונג פאר דער פאראינטערעסירונג פונעם יונגן דור לובלינער קינדער און אייניקלעך מיט זייערע "וואָרצלען" און אָפּשטאַם, ווי מיטן געבוירן־אָרט פון די עלטערן און זיידע־באָבע, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביים איצטיקן באזוך אין לובלין און אין ווארשע. איך האָב דאָ אין זינען אונדזער גוט באקאנטע דנה פרידמאן פון ירושלים (דאָס "לובלינער אייניקל"), ווי די זון און שנור פון אונדזער בן־עיר איגעלקא, די משפחה מושקאט און פרידמאן־ראכמאן.**

**דער דאָזיקער פאראלעלער פּראָצעס פון אינטערעס צום יידישן לעבן אין לובלין ביז דעם חורבן, וועלכער לאָזט זיך מערקן ביים צווייטן און דריטן דור פּאָלאקן, ווי ביי געוויסע לובלינער משפחות, הגם דערווייל נאָך אין מיניאטור־פאָרם, גיט מיר דאָך די האָפענונג, אז נישט שנאה און פאראורטיילן וועלן זיין דער לייטמאָטיוו אין די באציאונגען צווישןביידע פעלקער און מדינות".**

**נאָר די טעמע יידיש־פּוילישע באציאונגען פאָדערט א באזונדערע באהאנדלונג – און מיר וועלן זיך נאָך צו דעם אומקערן.**

מדינת ישראל

נשיא

ירושלים, כ"ו בתמוז תשנ"א
11 ביולי 1991
320־119/אד

**מר פרנקל הנכבד,**

אני מודה לך על מכתב ההזמנה להשתתף בטקס פתיחת בית הכנסת ואתר הזכרון שעל יד בית העלמין היהודי המשוקם בלובלין, פולין.

הייתי חפץ מאוד להיות שותף למעמד זה, אך לצערי לוח הזמנים והפעילות שלי אינם מאפשרים לי להעתר להזמנתך הנדיבה.

אני מברך אתכם ומודה לכם על מפעלכם היהודי והאנושי לשקם, לשמר ולטפח את בתי העלמין היהודיים בפולין, אשר ראויים שוכניו למנוחה אחרונה ומכובדת.

**חיים הרצוג**



**ד"ר שמחה בינעם ווייס, עם משתתפים בטקס חגיגות של 450 שנות קיומה של בית הקברות הישן בלובלין**
**ד"ר שמחה בינעם ווייס מיט באטייליקטע אין די פייערונגען פון 450 יאָר פון אלטן בית הקברות אין לובלין**

# 450 יאָר פון אלטן יידישן בית הקברות אין לובלין

## אורשולאַ פּשיבילאַ

לובלין, דעם 5טן יוני 1991.

פאר דעם אלטן יידישן בית עלמין – א לאנגע ריי פון אויטאָס. צום פייערלעכן צוזאמענטרעף לכבוד דעם 450סטן יאָרטאָג פונעם בית הקברות אויף דער קאלינאָווסטשיזנע, זענען געקומען יידן און פּאָלאקן, פאָרשטייער פון די שטאָטישע און וואָיעוואָדישע מאכט־אָרגאנען, אויך געוועזענע איינוווינער פון לובלין, צווישן זיי, וואָס ווינען אין קאָפּענהאגען און דראָהאָביטש, און שול־יוגנט.

אויפן בית הקברות האָט זיי ארייגעפירט א קליין טירל פון דער קאלינאָווסטשיזנע גאס, אויף שמאָלע, שטיינערנע טרעפּ. אויף דעם גאָר אלטן טייל פונעם בית הקברות, צווישן הויכע גראָזן, שטייט אן איינגעבויגענע מצבה, וועלכע איז געוואָרן אוועקגעשטעלט אויף דעם אָרט אין יאָר 1541, אויפן קבר פון הרב יעקב קאָפּעלמאן הלוי. לויט דער איינגעשטעלטער טראדיציע, כדי אויסצודרוקן כבוד, האָט מען זיך אויסגעשטעלט עטוואָס אָפּגערוקט פון דער מצבה.

יאן יאגיעלסקי, פאָרזיצער פון דער געזעלשאפט אָפּצוהיטן די אָנדענק־אָביעקטן פון דער יידישער קולטור אין פּוילן, לייענט איבער דאָס קאפּיטל "על נהרות בבל". אין נאָמען פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאציע און פון דער געזעלשאפט צו באשיצן די אָנדענק־ערטער פון דער יידישער קולטור, האָט ד"ר שמחה ווייס איבערגעגעבן א שיין קאַפּיטל געשיכטע און דערביי ציטירט די ווערטער פון גלח ווילענזשאק, אז "רעפלעקסן וועגן דער פארגאנגענהייט האָבן א שיכות ניט נאָר צו דער פארגאנגענהייט. פארגעסן מיינט פארלירן זיך און די אייגענע אידענטיטעט – דאקעגן דער זכרון העלפט אָפּגעפונען זיך און אויספאָרמירן די איצטיקע, באמת מענטשלעכע איינשטעלונג".

ד"ר ווייס האָט אונדז ארייגעפירט אין 15טן יאָרהונדערט, ווען עס באווייזן זיך די ערשטע ידיעות וועגן יידן אין לובלין. ער דערמאָנט, אז "דער קיניג זיגמונט אוגוסט באשטעטיקט אין

יאָר 1555 דעם איבערווייז פון דריי פלעצער דער לובלינער קהילה דורך דעם סטאראָסטע סטאַניסלאַוו טענטשינסקי. איינער פון די פלעצער, מיטן נאָמען, 'גראָדזשיסקאָ', איז געוואָרן באַשטימט פאַרן יידישן בית הקברות. אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן, האָט מען דאָרט קובר געווען גאַנצע דורות, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפינען באַרימטע געלערנטע, עסקנים, דאָקטוירים און אַנדערע. איינער פון די ערשטע און עלטסטע, איז קאָפּעלמאַנס מצבה, דער זון פון רבי יהודה לעוויטע, נפטר געוואָרן דעם 23סטן טאָג אין חודש סיון און געבראַכט געוואָרן צו קבורה זונטיק, אין יאָר 5301 לויט דער יידישער דאַטע (אין יאָר 1541).

נעבן קאָפּעלמאַנס מצבה – דערציילט ווייטער ד"ר ווייס – האָבן זיך אויפגעהיטן צוויי מצבות אין פאָרם פון דרייעקיקע פּליטעס, וואָס איינע געהערט צום חזן אברהם בן ישי (נפטר געוואָרן אין יאָר 1543) און די צווייטע צום תלמודיסט יהודה לייב בן מאיר אשכנזי (נפטר געוואָרן אין יאָר 1596). עטלעכע מעטער ווייטער, ווו ס'האָבן זיך אויפגעהיטן עטלעכע אָריגינעלע אָנדענק־שטיינער, געפינט זיך די מצבה פון באַרימטן גאון שלום שכנא בן יוסף.

ווייטער, באַרג אַרויף, באַמערקן מיר נאָך אויפגעהיטענע מצבות פון הרב שלמה לוריא, פון חוזה פון לובלין, יעקב יצחק הורוויץ, נפטר געוואָרן אין יאָר 1815. פאַראַן אויך די מצבה פון הרב עזריאל הלוי הורוויץ ("דער אייזערנער קאָפּ"), געשטאָרבן אין יאָר 1818. די יידישע אותיות וואָס מיר זעען אויף די מצבות, דערמאָנען די וואָס האָבן דאָ געלעבט, געשאַפן און אַוועק אויפן עולם האמת – פּוילישע יידן.

אינעם זכרון פון די מענטשן וואָס באַטייליקן זיך אין דעם צוזאַמענטרעף, זענען אויך פאַראַן די, וועלכע מ'האָט באַצייכנט ווי די ערשטע קרבנות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין לובלין. דאָ, אויף דעם בית הקברות, האָט מען דעם 23סטן דעצעמבער 1939, דערשאָסן 10 באַדייטנדיקע פאָרשטייער פון דער פּוילישער אינטעליגענץ: ס. ברילאַ, פּרעזעס פון קרייז־געריכט; י. דאַנקאָווסקי – לעוואַרטאָווער סטאַראָסטע; א. קזשיזשאַנאָווסקי – דירעקטאָר פון דער אַרצישאָוואַס גימנאַזיע; אַדוו' ע. ליפּסקי; צ. מאַרטיניאַק, פּראָפעסאָר פון קאַטוילישן אוניווערסיטעט; ט. מאַניעווסקי – דירעקטאָר פון סטאַשיצאַ־גימנאַזיע; גלח מ. ניעכאַי, פּראָקוראָר און ב. סעקוטאָוויטש – פּרעזעס פון אַפּעלאַציע־געריכט. דער פאַקט איז איינער פון אַ סך, וועלכער דערמאָנט, אַז די ערד פון דעם בית־עלמין איז אויך דורכגעווייקט מיטן בלוט פון פּוילישע יידן און פּוילישע פּאַטריאָטן.

טרויעריק זעט אויס דער אַלטער בית הקברות. ד"ר שמחה ווייס זאָגט, אַז די צעשטערונג פון די מצבות האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1848 דורך דעם רוסישן מיליטער. אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט, זענען אַ 90% קברים געוואָרן צעשטערט דורך די היטלעריסטישע קאַניבאַלן. ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די 80קער יאָרן, איז אַ גרופּע מענטשן פון גוטן ווילן צוגעטרעטן צו ברענגען אין אָרדענונג דעם בית עלמין. מ'האָט צונויפגענומען אַ סך שטיקלעך פון צעבראָכענע מצבות, פון וועלכע ס'איז געלונגען צונויפצושטעלן עטלעכע אָנדענק־שטיינער. ליידער, אין די יאָרן 1988־1990, האָבן וואַנדאַלן און כוליגאַנעס צעשטערט איבער 35 מצבות פון די רעקאָנסטרויִרטע 50. אַ ווייטערדיקע צעשטערונג וואָלט געווען אַן אומפאַרגעבלעכער פאַרלוסט פאַר דער יידישער געשיכטע און קולטור, און לגבי די טויטע – אַ באַווייז פון נישט דערשאַצונג און פאַרגעסנקייט. דעריבער זענען מיינע האַרציקע רייד געווענדעט צו די אַלע, וואָס טאָג־טעגלעך, שטיל, אָן טומל, ווייזן זיי אַרויס פיל זאָרג, כדי אָפּצוראַטעווען די פאַרבליבענע רעשטלעך לזכר דעם אויסגעמאָרדעטן יידישן פאָלק, ווי דעם אָנדענק פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער קולטור אויף דער דאָזיקער ערד זייט יאָרהונדערטער.

★

פונעם בית הקברות איז מען אַוועק אין דער געביידע פון דער געוועזענער ישיבת חכמי לובלין, ווו מ'האָט דערמאָנט איר געשיכטע און דעם הימן "די ישיבה איז אונדזער לעבן, אַ גאַראַנטיע פאַר אונדזער הצלחה – די ישיבה איז אונדזער טויער צו חכמה, ווי אַ פאַקל אין דער נאַכט־פינצטערניש וועט זי אונדז לייכטן אין דער דיאַספּאָראַ".

מ'האָט אויך באַזוכט דעם אָנדענק־צימער אויף לובאַרטאָווסקע 10, דאָס געוועזענע בית המדרש פון חברת נושאים, וואָס דערמאָנט די פריערדיקע און נאָנטע געשיכטע פון די יידן אין לובלין.

די פייערונגען לכבוד דעם 450סטן יאָרטאָג פון גרינדן דעם אַלטן בית הקברות אין לובלין, זענען פאַרענדיקט געוואָרן מיטן לייגן קרענץ ביים דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין און אומגעגנט, וועלכער איז געוואָרן אויפגעשטעלט אין יאָר 1963, צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידן פון שטאָט. מ'האָט אויך דערמאָנט, אַז דער פּראָיעקטירער פון דעם דענקמאָל, האָט בעתן פאָרשטעלן דעם פּראָיעקט, דערקלערט: "אויב נאָך 2 טויזנט יאָר, וועט פאַר דעם דענקמאָל פאַרבייגיין אַ מאַמע מיט אַ קינד, וועט זי זאָגן: 'דאָס איז אַ דענקמאָל, וועלכער פאַראייביקט די דערמאָרדעטע יידן'. און אויף דער פראַגע: "און ווער זענען דאָס די יידן?" – וועט זי ענטפערן דעם קינד: "דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן דאָ געוווינט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן".

ביים דענקמאָל האָבן געברענט אָנגעצונדענע פאַקעלן. איניקע האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט, אַנדערע זענען געבליבן שטיין פאַרטראַכט.

אַדאַם גאָלדמאַן האָט מיר דערקלערט: "איך בין געבוירן אין לובלין. דאָ האָב איך געוווינט, באַזוכט די שול. מיין גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען – אויך נאָנטע מענטשן, פריינט, באַקאַנטע. געבליבן איז נאָר מיין חבר – ד"ר ווייס. צו דער פייערונג בין איך געקומען צו פאָרן פון קאָפּענהאַגען".

ה' סטעפאַן ניעדזקאָ האָט געזאָגט: "פאַרבייגייענדיק פאַר דעם דענקמאָל – שטעל איך זיך אָפּ. אינעם בערגל אַש, פון וועלכן מען רעדט, זענען אויך פאַראַן די אַשעס פון פּאָלאַקן, מיינע נאָענטסטע".

אַן אַלטיטשקע פרוי איז פאַרבייגעגאַנגען, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. זי האָט אַוועקגעקניט און ביים דענקמאָל אַוועקגעלייגט אַ רויטע רויז...

# רבנים אין לובלין

**הצלחה צי פּאָפּולאַריטעט – און אייניקע וואָס האָבן נישט געהאַט די דאָזיקע הצלחה**

## נ. שמן / טאָראָנטאָ

אין מיין בוך "לובלין", האָב איך געגעבן א באַזונדער קאַפּיטל דעם מהרש"ל (ר"ע־1510; של"ד־1573) און ביי דער געלעגנהייט געגעבן, אויב ניט קיין רשימה, א צאָל פון די גדולי הפוסקים, וועלכע זענען רבנים אין לובלין, ראָשי ישיבה און בכלל גייסטיקע מנהיגים; אויטאָריטעטן אין הלכה, אין פּירוש און בכלל אָנערקענט ווי די באַגרינדער פון הלכה, לויטן תלמוד בבלי און ירושלמי, און די גאונים נאָך דער תלמודישער תקופה. די דאָזיקע גדולים זענען אָנערקענט ניט בלויז ביים אשכנזישן, נאָר אויך ביים ספרדישן יידנטום.

אין ספר לובלין, האָב איך דערמאָנט די גדולי הדור ווי ר' יעקב פּאָלאַק, ר' שלום שכנה, מהרש"ל, מהר"ם, מהרש"א – ביז ר' אלי' קלאַצקין און ר' מאיר שאַפּיראָ ז"ל.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מער וועגן חסידות לובלין, חסידישע "הייף", אָנהייבנדיק מיטן **חוזה** פון לובלין, ר' יעקב יצחק הורוויץ, ביז די איגר אדמו"רים. און אין שייכות מיטן חוזה, האָב איך שוין דערמאָנט די קעגנערשאַפט צו חסידות מצד דעם דעמאָלטדיקן רב ר' עזריאל הורוויץ (תקי"ז־1757; תקע"ט־1819), באַוווּסט מיטן נאָמען דער "אייזערנער קאָפּ" – "ראש הברזל" – א טיטול, צוליב זיין חריפות. ער איז פריער געווען רב אין קראַשניק, לובלינער קרייז און נאָכדעם געווען רב אין לובלין.

ר' שלמה ברוך ניסענבוים, אין זיין "לקורות היהודים בלובלין" (לובלין, תר"ס־1899), וואָס איז באמת ניט מער ווי א רשימה פון רבנים, א צאָל מצבות, אָבער אַן ארבעט וואָס ווערט שטאַרק געלויבט, איז עס געווען פון אים א געוואגטקייט, ווי דער מוכר ספרים אין לובלין, זיך צו פּאַרנעמען מיט דער דאָזיקער ארבעט און שטיין אין קאָנטאַקט מיט די פאָרשער אין זיין צייט.

ניסענבוים שרייבט וועגן אייזערנעם קאָפּ: "הגאון מו"ה עזריאל הלוי הורוויץ בן הרב הגדול, מו"ה דוב מזאמישטש, אבד"ק קראשניק ואח"כ בעירנו, הובא בשו"ת... לפי דברי הגאון מו"ה יוסף לעווינשטיין, אבד"ק סעראָצק, נשאר מהגאון עזריאל הלוי הורוויץ הנזכר חיבור בכתב יד, והוא שמור אצל אחד מנכדי מנכדיו..."

ווי מיר זעען, זענען קיין ספרים פון אים נישט געבליבן. זיין פּאָפּולאַריטעט ווי גאון בנגלה – איז געבליבן. ער האָט געהאַט צוויי זין און איין טאָכטער. מיט אלע דריי געטאָן שידוכים מיט רבנים־יחסנים – אלע האָבן געזוכט זיין ידידות, סיי מתנגדים און סיי חסידים, ניט געקוקט אויף זיין קעננערשאַפט צו דער התנהגות פון דעם באַגרינדער פון חסידות פוילן.

דער חוזה איז נסתלק געוואָרן תשעה באָב, תקע"ה־1815 און ר' עזריאל, ווי עס איז געווען אָנגעגעבן אויף דער מצבה: נאסף בש"ק, כ"ב חשון, תקע"ט (1819), מיט פיר יאָר שפּעטער.

נאָך אים איז פאַר לובלין ניט געווען לייכט צו געפינען א רב פון דעם קאַליבער. די דיינים, גאונים, ווי זיי ווערן באַצייכנט, האָבן אָנגעפירט מיטן ראַבינאַט. ער האָט געהאַט, ווי געזאָגט, יחוס עצמו און אויך פאַמיליע־יחוס: אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות רבנים, אַן אייניקל פון ר' בנימין באַשקא, פון די הויפּט־אָנפירער פונעם ועד ארבע ארצות. און ווי עם ווערט אָנגעגעבן אין וואַלדינ'ס שם הגדולים החדש, זענען זיינע זין געווען אָנגעזען צווישן לומדים און רבנים: איינער פון די זין, ר' שאול אפרים פישל, איז געווען פון די חשובי לובלין.

★ ★ ★

צו אלץ דאַרף מען האָבן מזל... איינער פון די רבנים אין לובלין, א מחבר פון א ספר תורת חסד, האָט דעם חסד ניט געהאַט, אז אפילו די וועלכע דערמאָנען אים, גרייזן מיט זיין נאָמען.

מיט יאָרן צוריק איז דערשינען א ספר "אוצר הרבנים" פון נ.צ. פרידמאַן (בני ברק, תשל"ה), א רשימה פון 20,000 רבנים (פון ד' אלפים תש"ל ביז ה' אלפים, תשל"ח). ס'איז א ריזן־ווערק און צו באַוווּנדערן די ארבעט פון איין מענטשן. ווי געוויינלעך, כאַפּן זיך אריין אומפּינקטלעכקייטן אין אַזעלכע ענציקלאָפּעדישע ספרים.

מיר לייענען אין א נאָטיץ פון נח נאה ("מעריב", פּרייטיק, כ"ו אדר, תשל"ו־27.2.76), אז אין ספר "אוצר הרבנים" פון הרב נפתלי צבי פרידמאַן, געפינט זיך דאָרט פיר מאָל דער נאָמען פון לובלינער רב: 1) ערך 5634, ווערט ער גערופן רבי זלמן מלובלין; 2) ערך 5655 רבי זלמן פרידקין; 3) ערך 20156 – ר' שניאור זלמן אשכנזי לאדיער (ער איז געבוירן געוואָרן אין לאדי); 4) 20,173 – רבי שניאור זלמן פרדקין.

הרב נאה איז גערעכט מיט זיין באַמערקונג – אָבער ניט גערעכט מיט זיין קריטיק, באַזונדער וועגן ערך 5634, דאָרט רעדט זיך וועגן אַן אנדערן רבי זלמן. נומ' 5655, שרייבט דער מחבר הרב ר' זלמן פרדקין, רב גאון וחסיד מפורסם בדורו – דאָרט רעדט זיך וועגן לובלינער רב, דעם מחבר "תורת חסד". אָבער דאָ איז עפּעס ניט ריכטיק דער צוגאָב־וואָרט אשכנזי. פאַר אים זענען געווען די רבנים אשכנזי: ר' משולם, ר' יהושע העשל, אָבער ניט פאַר ר' שניאור זלמן. ער ווערט אין טייל שו"ת גערופן ל י א ד ע ר.

ר' שניאור זלמן פראַדקין, ווי זיין נאָמען איז געווען, ווערט טיטולירט אלס "רב, גאון, חסיד מפורסם בדורו", אָבער, דאַרף מען צוגעבן, ניט זוכה געווען צו ווערן מפורסם בכל הדורות – און דאָס, ניט געקוקט אויף זיינע שו"ת ספרים.

מיין רבי, הרב ר' יהודה לייב גרויבאַרט ז"ל, אין זיין רשימה פון גדולי הפוסקים אין די פאַרשיידענע תקופות, גיט ער אָן רבי שניאור זלמן מלובלין, בעל תורת חסד צווישן אַזעלכע גדולים, ווי דער קאָוונער רב, ר' יצחק אלחנן; קוטנער רב ר' ישראל יהושע, באַקאַנט מיטן נאָמען ר' יהושעלע קוטנער; זיין איידעם דער פּיעטרקאָווער רב ר' חיים אלעזר וואַקס; דעם נצי"ב, דער הויפּט פון וואָלאָזשינער ישיבה, ר' יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, בריסקער רב; אדמו"ר ר' גרשון העניך ראַדזינער רבי, מחבר פון סדרי טהרות און דערפינדער פון תכלת אאנ"ד.

מיר האָבן אָבער נישט קיין ביאָגראַפיע וועגן דאָזיקן גדול הדור צווישן אַזעלכע גייסטיקע ריזן, אינעם דור דעה פון 18טן־19טן י"ה.

אין מיין "ספר לובלין" (טאָראָנטאָ, 1951, ז"ז 461־465), דערמאָן איך ר' שניאור זלמן, אָבער בקיצור, בלויז אין שייכות מיט ר' צדוק הכהן זצ"ל, אז ווען ר' יוסף ראָזן (תרי"ח־1858; תרצ"ו־1936), דאַן א יונגער עילוי איז געקומען רעדן אין לערנען מיט ר' צדוק, האָט ער אים געראַטן, ער זאָל ארויפגיין צו ר' שניאור זלמן, דעם לובלינער רב. לויט אַן אנדער ווערסיע,

איז ער פריער געווען ביי ר' שניאור זלמן און אויף דער פראגע, צי ס'איז דאָ נאָך אימיצער מיט וועמען זיך מפלפל זיין, האָט אים דער לובלינער רב געזאָגט, אַז אין לובלין געפינט זיך דער גאון ר' צדוק הכהן און דער לעצטער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און זיי האָבן לאנג פארבראכט אין לערנען.

ווי מיר זען, האָבן מיר פאר זיך א גדול, א מחבר פון ספרים – ניט זוכה געווען צום געהעריקן פרסום.

אויף דעם מחבר "אוצר הרבנים", קען מען קיין טענות ניט האָבן. אין די שורות, וואָס זענען צוגעטיילט, זאָגט ער דאָרט: "גאון מופלא ומצוין, מגדולי חכמי דורו, רב בלובלין, בתרנ"ב – רב בירושלים, נפטר ה' ניסן תרס"ב, מחבר תורת חסד. בנו הרב ר' שלמה לאדיער, רב גאון מפורסם, נפטר תרס"ט".

אין דער הקדמה צום ספר, איז הרב נתן צבי פרידמאן זיך מתנצל, אז א ספר פון דעם סאָרט איז ניט געמאָלט, ס'זאָלן ניט אריין געוויסע פעלערן: "ספר כזה לא יכול להשיג שלימות, בחומר רב ועצום כזה יכולים להיות שגיאות, טעויות, כפילות, חסרות..."

נאָך אזא התנצלות, איז ניט שייך קריטיק און דערצו, דריקט ער אויס צופרידנקייט, אויב מ'וועט אים אָנווייזן אויף גרייזן: "הערות על שגיאות והשמטות יתקבלו לרצון לשם תקון במהדורות הבאות..."

א טענה איז בארעכטיקט אויף דעם מחבר פון "לקורות היהודים בלובלין". אָנגעבנדיק א רשימה פון רבנים ביז אונדזער יאָרהונדערט ("מאָה השביעית"), רעכנט ער אויס די רבנים מיטן נאָמען אשכנזי, וועלכע האָבן פארנומען רבנות אין לובלין פאר צענדליקער יאָרן. צו דערמאָנען אייניקע: ר' בעריש אשכנזי, אן אייניקל פון "חכם צבי" און מחבר פון ספר "נודע בשערים" און אנדערע ספרים, איז געוואָרן לובלינער רב אין יאָר תר"ד. נאָך אים איז אויפגענומען געוואָרן ר' יהושע העשל אשכנזי, אן אָפּשטאמיקער פון ר' משולם אשכנזי – ער האָט איבערגעלאָזט צען (10) ספרים, וואָס ער האָט איבערגעגעבן צו זיין זון אין גראָדנאָ (הוראָדני) און זיי זענען אלע פארברענט געוואָרן אין דער גרויסער שריפה. ער איז נפטר געוואָרן ה' אדר, תרכ"ז און נאָך אים, אין יאָר תרכ"ח, איז אויפגענומען געוואָרן שטאָט־רב, ר' שניאור זלמן, מחבר פון ספר תורת חסד און אין חודש אייר, תרנ"ב, האָט ער פארלאָזט לובלין, עולה געווען קיין ארץ ישראל.

ניסנבוים גיט אים בלויז דריי שורות, וועגן זיין נאָכפאָלגער ר' הלל ארי' ליבשיץ (געוואָרן לובלינער רב, חנוכה תרנ"ג), גיט ער אָן טאָפּל־פּלאַץ – און איך מיין אויך געקארגט, אָבער מיט עטלעכע לויב־ווערטער: "מלבד גדלו בתורה, הוא חכם מפואר, ויודע איזה שפות אירופיות על בוריון..."

ר' הלל ליבשיץ, ווי באקאנט, האָט געהאט דריי זין רבנים. איינער פון זיי, ר' יחזקאל איז געווען רב אין פלאָצק, קאליש און געוואָלט קאנדידירן אויף לובלינער רבנות, אָבער ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, האָט אדמו"ר ר' שלמה איגר זצ"ל הי"ד אים אָפּגעהאלטן, כדי ר' מאיר שפּירא, דער גרינדער פון ישיבת חכמי לובלין, זאָל פארנעמען רבנות לובלין.

אז מ'זאָגט – נישטאָ קיין מזל!

ס'איז דאָך מאָדנע צו זען, ווי אין די **לובלין ביכער**, אי אין דער פאריזער אויסגאַבע און אי אין דער ארץ־ישראלדיקער אויסגאַבע (בעריכת נחמן בלומענטאל ומאיר קורן, ירושלים, תשי"ז־1957), וווּ די מיטארבעטער ל. ביאלער, דר. יצחק אלפסי און אנדערע – ארייננערעכנט מיין ווייניקייט – שרייבן וועגן לובלינער רבנים און אדמו"רים, אָבער וועגן ר' שניאור זלמן פראדקין־ליאדער, דעם למדן און פוסק, איז גאָר ווייניק געשריבן. אויב שוין יאָ דערמאָנט, איז דרך־אגבדיק, אָדער מיט זיין פריינטשאפט צו די אדמו"רים ר' לייבלי איגר און ר' צדוק הכהן, אָדער אַז ער איז געווען א תלמיד פון ר' מנחם מענדל שניאורסאָן, דער בעל "צמח צדק" און במילא געווען א ליובאוויטשער חסיד. זיין נאָמען איז דאָך געווען נאָכן באגרינדער פון חב"ד, ר' שניאור זלמן בן ברוך מליאדי (תק"ז־1747; כ"ד טבת, תקע"ג־1813). ער איז דאָך געבוירן געוואָרן אין ליאדי. אָדער א צוגאָב, אַז ער האָט עולה געווען, ווייל ער האָט ניט געקענט בלייבן אין רוסיש־לובלין, צוליב א מסירה פון א קצב. און ווי א צוגאָב, ווערט ער דערמאָנט אין דער העברעישער אויסגאַבע, אַז יצחק שדה (תר"ן־1890; תשי"ב־1952) איז געווען אן אייניקל פון הרב ר' שניאור זלמן פראדקין "העילוי מליאדי").

וועגן דעם אייניקל, וואָס מ'האָט דערוואָרט, אז ער וועט אויפוואקסן צו זיין א רב בישראל און גאָר געוואָרן א פירער אין מפ"ם און אָנפירער פון פלמ"ח און צה"ל – וועגן אים איז א סך געשריבן געוואָרן. אָבער וועגן זיידן?

יאָ, דאָס האָט מיך אָנגערעגט אריינצובליקן אין תורת חסד, זיך באקענען מיטן רב אין לובלין אין די יאָרן תרכ"ח (1867 ביז תרנ"ב־1892, נפטר געוואָרן אין ישראל אין תרס"ב־1902). ער איז געווען אָנערקענט אלס גדול הדור ביי ספרדים, ווי ביי אשכנזים.

האָט זיך מיר פארגלוסט צו מאכן א שפּאציר – אויב ניט כאפּן א שווים אינעם ים פון ר' שניאור זלמנ'ס שאלות ותשובות. דאָס גיט דעם לערנער א באגריף וועגן יידישן לעבן אין לובלין און בכלל ביים יידנטום אינעם 19טן יאָרהונדערט.

דער נאָמען פונעם ספר: "שאלות ותשובות תורת חסד" על ארבעה חלקי השלחן ערוך, אשר חנן ה' את עבדו... שניאור זלמן בהרב מוהר"ר שלמה ז"ל, חונה פה ק"ק לובלין, (ווארשאָ, בדפוס ר' יצחק גאָלדמאן, שנת תרמ"ג לפ"ק. דער ספר איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרק).

אין דער הקדמה איז ער זיך שטארק מתנצל, פארענטפערט זיך, פאר וואָס ער האָט געוואגט צו דרוקן א טייל פון זיינע כתבים, פאר וואָס ער דערמאָנט ניט אין די שאלות ותשובות די נעמען פון די, וועלכע האָבן ביי אים געפרעגט און אויך וועגן דעם נאָמען תורת חסד. איינס פון די מאָטיוון, ווייל אין דער גימטריאָ איז מרומז זיין נאָמען און נאָמען פון זיין רבנות־שטאָט – לובלין.

איך וועל זיך ניט פארנעמען מיט געבן א רשימה פון די אלע שאלות אין דער "רעספאָנסאָ", בלויז דערמאָנען אייניקע:

די ערשטע שאלה וועגן א סופר אין לובלין, וואָס זיין תלמיד אין סופרות, א זיבעצן יאָריק ייִנגל, וואָס האָט געשריבן פרשיות פון תפילין און מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז דעם בחור פעלן די סימני בגרות, די דערוואקסנקייט און דערווייל איז דער בחור אוועק – מסתמאָ כדי מ'זאָל ניט וויסן וועגן זיין "חולשאָ".

היינטיקע צייטן, ניט געקוקט אויף די הויכע קאָסטן פון א פאָר תפילין, וואָלט מען באלד געהאט אן עצה – קויפן אנ־דערע תפילין. דאָס האָט מען ניט געקענט טאָן אין יענער תקופה. מ'האָט זיך אזא "לוקסוס"־מצוה ניט געקענט דערלויבן, האָט מען געפרעגט א שאלה און דער רב האָט זיך געמאַטערט צו געפינען א היתר. ס'איז, ווי דער שטייגער, א לענגערע תשובה מיט גרויס בקיאות אין תלמודיש וויסן און אין הלכה ספרים און ער באַווייזט זיך אלס "כחאָ דהיתיראָ".

ס'זענען געקומען צו אים שאלות, ניט בלויז פון לובלין און לובלינער קרייז, נאָר פון פארשיידענע שטעט און לענדער.

אין סימן ה׳, באהאנדלט ער א שאלה, צי א יידישער רעסטאָראטאָר קאָן געבן צו עסן און באדינען זיינע קאָנסומענטן, בעת ער זעט אז זיי מאכן ניט קיין ברכה, ניט אין אָנהייב, ניט צום סוף, נאָך דער אכילה, צי איז ער ניט עובר אויף דעם פארבאָט: "לפני עוור לא תתן מכשול" (ויקרא, י"ט, י"ד). אין זיין לשון: "רבו המתפרצים ובאים שמה כמה ישראלים שאוכלים לחם בלי נטילת ידיים ובלא ברכת המוציא..." אויך דאָ, ווייזט ער דעם רבנישן כוח, אז דער אייגנטימער איז ניט עובר.

ס׳געפינט זיך דאָרט א שאלת עירובין, צי מ׳קען צורעכענען די טעלעגראַף־זיילן (אין יענער צייט) צו קענען טראָגן אום שבת. א שאלה וועגן מילך פון בהמות־נכרים און די גויים האָבן זיי געשפייזט מיט חמץ־מאכלים. ס׳איז געווען א בדיעבד און מסתמאָ א שעת הדחק און ער פירט אויס: "יש להקל לצורך גדול". דאָס איז דער פסק פון א צדיק, וואָס איז מדקדק מיט אלע דקדוקים, אָבער דער רחמנות אויף יידישע קינדער איז ביי אים געוואלטיק גרויס.

ר׳ שניאור זלמן איז געווען אן ענו, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך אין רבנות, אָבער ווען מ׳האָט גערארפט, האָט ער ארויסגעוויזן תקיפות, געענטפערט שארף. אין סימן כ"ט, שרייבט ער צו איינעם, וואָס האָט זיך געוואָלט באווייזן פאר אים מיט גדלות: "וכידוע שאין זה דרכי כלל, ומעולם לא שאלתי אף לשום גדול בעולם (רק בעניני עגונות) וכעת קבלתי מכתבו ולא ראיתי בו שום דבר נכון להלכה".

אויף דער שאלה וועגן אתרוגים, האלט ער, אז מיט אלע מעגלעכקייטן זאָל מען זיך באמיען צו בענטשן אויף אתרוגי ארץ־ישראל: "רק באם שא"א להשיג אתרוגי אה"ק מהודרים כ"כ יש לברך על אתרוגי קאָרפו ולפי ראות עיני המורה" – און דאָס זאָגט א ליובאוויטשער חסיד, געבוירן אין ליאדי, די שטאָט פון חב"ד און שלחן ערוך הרב – דעם בעל ה"תניאָ", דער באגין פון נגלה און נסתר פון ליובאוויטש־חסידות.

ביים סוף פון חלק א׳, ווידמעט ער א "סנסן" (בלעטל פון א צווייג) זיין יונג־פארשטאָרבענעם זון ר׳ שלמה ז"ל. זיינע ווערטער:

"מחידושי בני המנוח הרב החריף מוהר"ר שלמה ז"ל, אשר נלקח ממני בדמי ימיו, בהיותו בן כ"א שנה, נאסף אל עמיו, יהי שם ה׳ מבורך, ולמען היות לו למזכרת, הבאתי מקצת דבריו למשמרת, ואור תורתו תהי׳ לראשו עטרת".

דער מחבר שרייבט אויך, אז צוליב הוצאות הדפוס און פאמיליארע צרות, האָט ער גערארפט אָפּשטעלן דאָס דרוקן געוויסע סימנים פון חלק או"ח און ער האָפט, "עד אשר ירחיב לי ה׳ ויזכני בקרוב להדפיס השו"ת תורת חסד שלי, על חלק יו"ד ועל חלק אהע"ז בהלכות קבועות ונחוצות לבעלי הוראָה".

★

דער חלק ב׳ איז אויף פאמיליארע שאלות, חלק אבן העזר – וועגן די חלקים יו"ד און חושן משפט איז מיר ניט באקאנט – מיט א נייעם שער־בלאט, געדרוקט אין ירושלים, די ארויסגעבער גיבן שוין אָן א טיטול: "מאדמו"ר רב רבנן, גאון הגאונים המפורסם יחיד בדורו בוצ"ק... כקש"ת מוהר"ר שניאור זלמן זלה"ה בהרב מה"ר שלמה זצ"ל מלאדי, לפנים רב אב"ד ור"ם ק"ק לובלין יצ"ו ולעת זקנתו אוה למושב לו ותקע אָהלו בהר הקודש בירושלים תובב"א ואָרון הקודש נגנז במקומו פעיה"ק חלקת מחוקק ספון, והוא חלק ב׳ מתורת חסד הנדפס בחיי הגאון זי"ע אָכי"ר".

אזא טיטול גיט מען אן אדמו"ר פון חסידים. ר׳ שניאור זלמן איז דאָס געווען. ער איז געווען דער ערשטער חסידישער רב אין לובלין, נאָך די מתנגדישע רבנים, באזונדערס נאָך די רבנים אשכנזי, וועלכע האָבן אָנגעהאלטן די מתנגדישע טראדיציעס, ווי דער "אייזערנער קאָפּ".

אינעם אריינפיר פונעם "בידינאָ רבאָ דקהל הקודש האשכנזים הי"ו בקרתאָ קדישתאָ ירושלים תובב"א, דאטירט י"ט כסלו, התרס"ט, ווערט דער ספר שטארק געלויבט, ווי א "יום בשורה, אשר זכינו לגמרה של תורה ח"ב משו"ת תורת חסד על אהע"ז הוא ני׳ ספראָ דרב רבנן מרן הגאון האמתי מאור הגולה מוהרש"ז לדיער זצללה"ה מלפנים הגאבד"ק לובלין ואח"כ מראָ דארעאָ קדישאָ דישראל".

ווי מ׳האָט מיך אינפאָרמירט, זענען ארויס די אנדערע צוויי חלקים. איך האָב זיי ניט געזען, אָבער פון די צוויי חלקים אורח חיים און אבן העזר, זעט מען די גרויסקייט פונעם מחבר. פון יעדער שורה שיינט ארויס גדלות אין הוראָה און פסק.

אין דער הקדמה פונעם ארויסגעבער טובי׳ ארי׳ גאָלדבערגער, ווערט געזאָגט:

"...הָא לכם זרע קודש בית ישראל ספר יקר ונחמד להלכה ולמעשה, המאיר עיני מורי הוראות בישראל, להבין ולהורות את הדרך ילכו בה..."

נאָך דעם – א טראָפּן ביבליאָגראפיש־ביאָגראפיש:

"מרן הגאון המחבר ז"ל שימש בכתר הרבנות בק"ק לובלין כעשרים שנה (לויט אונדזער חשבון, 24 יאָר – נ.ש.) ובשנת התרנ"ב עלה אל הקודש לשכון כבוד באה"ק..."

אין קלאמערן גיט ער צו: "ולטוב יזכר הרב החה"ש מהרי"ד פרומקין שי׳ מו"ל "החבצלת" שנסע עד אלכסנדרי׳ לקבל פניו והטריח את עצמו בשעת איסור הכניסה לאה"ק להביאו ירושלמה, ואח"כ משך חסדו עמו... ישלם ה׳ פעלו במידה טובה המרובה..."

כדאי צו דערמאָנען, אז ר׳ ישראל דוב פרומקין (1850־1914) איז אין זיין צייט געווען דער איינציקער דרוקער אין ירושלים, ארויסגעבער פון ספרים און פון דעם באוווסטן זשורנאל. ער האָט געהערט צו דער ריי פון רעליגיעזע יידן. זיין זון איז געווען דער באוווסטער אנארכיסט אברהם (1873־1940) צוזאמען מיט ש.י. יאנאָווסקי (1864־1939) און אנדערע אָנפירער פונעם יידישן אנארכיסטישן קרייז אין אמעריקע.

דער ארויסגעבער טובי׳ ארי׳ האלט זיך פאר א תלמיד און ער זאָגט עדות וועגן זיין רבי׳ן דעם תורת חסד: "אשרי עין ראתה מראות אלקים קרנה של תורה מנוגה נגדו האירה האָרץ תורת חסד על לשונו, ש"ס בבלי, ירושלמי, מדרשים וזוה"ק... יומם ולילה נשא ונתן בתורת תמימה באמונה... ובהיותו סובל מכאובות וחסר מנוחות... תלמודו בפיו ערוך על שפתיו... ובעוה"ר נטרפה השעה ונצחו האראלים את המצוקים ועלה השמימה ליל שב"ק, ה׳ ניסן התרס"ב ונשארו הכתבים ביד בנו הרה"ג המפורסם כקש"ת מו"ה דובער זצ"ל, שכבר נתעורר בהתחלת מעשה ההדפסה ונתבקש בישיבה של מעלה בן מ"ז שנה, י"ז אדר ב׳, שנת תרס"ה והכי"ק חלו בהם ידי זרים... ונאבדו... חבל על אבידה זו שאינה חוזרת והרבה כתבים בנגלה ובנסתר נמצאים עוד תח"י כלת המחבר ז"ל הרבנית הצנועה תחי׳ שמתעכבת כעת בחו"ל וכשירחיב הב"ה את גבולה ותשוב לציון בית חיינו, עוד יופיע אור הגנוז הזה..."

אזוי ניט מזלדיק אין דרוקן און פארשפרייטן זיינע כתבים! ס׳איז מיט נסים, אז ס׳איז דערגאנגען צו אונדז, לכל הפחות א טייל פון זיינע חידושים ופוסקים.

אין דעם חלק אבן העזר, פאמיליע־שאלות ותשובות, באווייזט ער נאָך מער זיין כחאָ דהיתיראָ, בפרט ווען עס

teatrnn.pl

האנדלט זיך אין עגונה שאלות. ער טוט דאָס מעגלעכסטע אין הלכה, צו באפרייען עגונות, זיי זאָלן קענען צוריק אויפשטעלן זייער פאמיליע־לעבן. מיר געפינען דאָרט שאלות ותשובות אין ענינים פון "בין איש לאשתו", ווו עס גייט אים ממש אין לעבן איינצושטעלן שלום בית – אָבער מיר פארנעמען זיך נישט מיט אן איבערזיכט אין דער דאָזיקער "רעספאנסא". ווי א געניטער שווימער שווימט ער אין ים התלמוד און ווי אן אויסגעצייכנטער ארכיטעקט בויט ער בנינים אויף יסודות ההלכה – און אלץ צו העלפן יידישע טעכטער, צו לינדערן זייער נויט און צער.

מיר געפינען דאָרט, למשל, א שאלה וועגן דעם צוריקהאלט חתונה צו האָבן מיט "אשה קטלנית", זי זאָל ניט חתונה האָבן צום דריטן מאָל, אויב אירע פריערדיקע צוויי מענער זענען ביי איר געשטאָרבן. וויל ער באווייזן, אז אויב איינער פון אירע פריערדיקע מענער איז געווען א זקן א בן שבעים, הייסט זי ניט קיין קטלנית, ווייל זייער טויט איז געווען בדרך הטבע: "ימי שנותנו שבעים שנה" – די טעג פון אונדזערע יאָרן זענען זיבעציק יאר (תהלים, צ', י'). די פרוי וואָס פארלירט איר עלטערן מאן, איז דעריבער ניט קיין קטלנית!

פארגוואלטיקונג פון גויים איבער יידישע טעכטער, יידישע פארהייראטע פרויען איז ניט געווען קיין זעלטנהייט און טייל יידישע טעכטער האָבן פארשוואנגערט... ביי אייניקע האָט זיך געשאפן א ספק, א חשד, אז זי האָט גאָר פארשוואנגערט פון יידן און די פראגע איז געווען, צי מ'קען זיך פארלאָזן אויף איר, אז א גוי האָט איר פארגוואלטיקט – און דאָס קינד זאָל ניט בלייבן קיין ממזר און זיין כשר לבא בקהל ה'. זיין אויספיר: "הולד כשר לבא בקהל, רק שהוא פגום לכהונה".

פון די שאלות קאָן מען אויך זען, אז אויך אין יענער תקופה, האָט נישט געפעלט פריצות, פרעכקייט, אויסגעלאסנקייט און רבנים האָבן זיך געדארפט אָנשטרענגען צו צוימען תאווה, איינצוהאלטן דעם יצר...

אן אינטערעסאנטע שאלה, דער רב רופט עס "עסק ביש", וואָס האָט פאסירט אין איזביצע: א דאָקטער, ס'זעט אויס א יידישער, האָט געדארפט באטראכטן א פרוי, צוליב אן אינטימע קראנקהייט... די פרוי האָט זיך געשעמט, האָט זי פארדעקט איר פנים, אָבער געפילט ביים "באטאפן" זי, אז דער דאָקטער טוט מער, ווי זיין אויפגאבע אונטערזוכן און דיאגנאָזן די קראנקייט. זי האָט געהאט א געפיל אז ער באגייט א געשלעכטלעכן אקט און די פראגע איז געווען, צי זי מעג וווינען מיט איר מאן, ווייל פאקטיש איז עם געווען "באונס". דער מאן האָט איר געגלויבט, געוואָלט אָנהאלטן פאמיליע־לעבן. די שאלה איז געווען: צי מעג ער? ביי יידן איז טהרת־משפחה פון די עיקרי היהדות.

נאָך א הלכהשן, אנאליטישן עקספערטיזון פארטיפן זיך, אין דעם ענין, קומט ער צום אויספיר: אויב נאָך א רב וועט מסכים זיין, וועט ער מתיר מאכן זייער צוזאמענלעבן, ניט געקוקט וואָס זי האָט עובר געווען אויף דעם יחוד־פארבאָט, וואָס איז לויט רוב פוסקים א תורה־פארבאָט. וואָס דער פסק זיינער זאָל ניט זיין, רעדט ער ווי א הלכה־אויטאָריטעט.

ווען ער איז געוואָרן א תושב ירושלים, האָבן זיך אָרטיקע רבנים געווענדט צו אים מיט שאלות – אי אשכנזים און אי ספרדים און יעדער – מיט גרויס דרך ארץ. ער קלערט אויף און איז פאר זיי מסביר די קאָמפליצירטסטע ענינים.

צווישן די שאלות, געפינט זיך דאָרט א שאלה פון קינדער־באלעסטיקונג – און מער ווי באלעסטיקונג – א רייכער ייד וואָס האָט געווױנט אין א דאָרף און די קינדער האָבן זיך געשפילט, יידישע און ניט־יידישע, יינגלעך מיט מיידלעך, האָט א מיידעלע פון א יאָר זעקס־זיבן דערציילט, אז א שגצל האָט זיך מיט איר געשפילט און לויט ווי זי האָט דערציילט די עלטערן, האָט דער שגצל אין עלטער פון אכט־ניין יאָר געהאלטן די האנט אויף איר אינטימקייט און לויט איר שילדערונג – געהאט געשלעכטלעכע פארבינדונג.

יאָרן זענען געלאָפן און די מיידל האָט חתונה געהאט מיט א כהן. ס'וווּרט נישט איבערגעגעבן, צי די עלטערן האָבן טאקע פארגעסן פאר דער חתונה צום כהן, צי האָבן זיי ניט געוווּסט, אז ס'איז א שאלה...

דער אָרטיקער רב האָט אויפגעציטערט פון דער דאָזיקער מעשה: צי מעג זי ווױנען מיט איר מאן דעם כהן; ווי מעג מען שאפן א פגם־משפחה – ס'האָט זיך פונקט געטראָפן, אז דעם כהנ'ס משפחה איז געווען פון די מיוחסדיקע...

דער מחבר פון תורת חסד טוט דאָ א חסד ביידע משפחות: ער איז מצרף א צאָל היתרים, ווייל אויב דאָס שגצל איז ניט אלט געווען קיין ניין (9) יאָר, איז דאָ א היתר; ס'איז א פראגע, צי דאָס מיידעלע האָט געוווּסט, וואָס ס'איז געשען – וואָס ער האָט געטאָן צו איר און נאָך און נאָך און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, ניט צו צעשטערן דאָס פאמיליע־לעבן פונעם יונגן פאָרל.

מיר געפינען דאָרט א שאלה פון טשערניגאָוו, רוסלאנד: איר מאן איז געשטאָרבן, ניט איבערגעלאָזט קיין קינדער, דארף זי דאָך האָבן חליצה. דער שוואָגער, וואָס דארף איר מייבם זיין, געבן חליצה, איז א משומד, דערצו טויב און שטום און ס'איז דאָ א געפאר, זי זאָל בלייבן אן אייביקע עגונה – אן אינטערעסאנטע שאלה אויפן רבנישן טיש.

א שאלה וועגן א כהן, א כעסניק, פון קאָנסקאָוואָליע, וואָס האָט זיך ארומגעקריגט מיט זיין ווייב און אין כעס אליין אָנגעשריבן א גט און איר געמאכט פאר א גרושה. נאָך דעם חרטה געהאט און וויל ווױנען מיט איר... איז די פראגע, צי דער גט איז כשר – טאָר ער נישט, ווי א כהן, ווױנען מיט איר.

א שאלה פון סטאשעוו, וועגן א בחור וואָס איז אריינגעקומען אין א געוועלב און געגעבן א "פערציקער" (רוסישע מטבע) אויף אויסטוישן און עפעס קויפן – אָבער דערביי אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזאָגט "הרי את מקודשת..." און זיינע חברים באשטימט אלס עדות. אזא זאַך, איז אין יענע יאָרן ניט געווען קיין זעלטענע פאסירונג און רבנים האָבן געדארפט באווייזן גרויס בקיאות, ביים ארויסגעבן א פסק.

ר' שניאור זלמן באהאנדלט די דאָזיקע שאלה בכובד ראש און ער פירט אויס, אויב נאָך א רב וועט מיט אים מסכים זיין, וועט ער געבן אן אויטאָראטיוון פסק, אז די דאָזיקע קדושין ווערן אנולירט און די מיידל דארף נישט קיין גט.

וועגן די שאלות, וואָס זענען אין אונזער צייט גאָר אקטועל, דאָס "פרעווענטירן", אָפּהאלטן פון שוואנגערשאפט (אין תלמודישן לשון: "שימוש במוך"), ברענגט ער צען שיטות. יעדער שאלה ווערט באהאנדלט אנאליטיש און אויספירלעך.

ווי געזאָגט, באנעמט ער זיך מיט גאָר גרויס עניוות אין באציאונג צו אנדערע רבנים און בכלל צו יעדן וואָס פרעגט ביי אים. ווען אָבער ער איז ניט מסכים מיט א פסק, מעג דער פוסק זיין פון די גדולי הדור, וועט עס אים ניט אָפּהאלטן פון אָפּפרעגן זיין פסק.

ער באהאנדלט א שאלה וועגן שמן־זית, אין וועלכער מ'האָט אריינגעמישט ניט כשרן בוימל, צי מעג מען דעם בוימל נוצן פאר דער חנוכה־מנורה? ער ציטירט פונעם ספר "שנות חיים",

# הרהורים ביום הזכרון לשואה
## מוקדש לגילה אחותי

### צפורה דסקל

גילה –
כה עמוק
נחרטת בלבי.

את משפחתי אהבתי
כל אחד
עם מעלותיו וחסרונותיו.

דולה דמות מכם,
מעמידה על הרגליים
רואה אתכם – חיים...

אַתְ גילה,
שוכנת עמוק,
עמוק בקרבי.

זה מענה אותי
ואיני רוצה
להפסיק באילה.

★

גילה התוכנית־בַּךְ חֵן,
יופי ללא רבב.
נפש עדינה, רגישה
בחלקך – סבל כהרב.

גילה –
אהבתיך כה,
ואת – נאבקת בחיים.

לעלות ארצה – כה שאפת
"בהכשרה" – שנים, בתנאים
קשים
במקום לארץ המיוחלת,
הגעת – לכ"ב שנים.

הכנס תוך לאלבום
עם יקירי־החיים,
אך את – אינך.

אני – עם ילדי ונכדים,
את – נכרתת באכזריות
במלוא פריחתך.

נותרנו,
אודים בודדים,
הממשיכים להתקיים.

איך תעלה
בת שחוק על שפתנו
והיגון – כה עמוק?

★

צפירה ואות דומיה,
להתייחדות,
עם השואה.

שורת מתים
ארוכה –
הקמים לרגע
לתחיה.

צללי רדיו־נוגים
פוגה לבַּךְ
ליום הזכרון.

# די ראָל פון ועד ארבע ארצות
## און די יידישע קהילות אין פוילן

### יוסף פרידלענדלער

**● פנקס ועד ארבע ארצות**
**לקט תקנות, כתבים ורשומות, סדרים ומבוארים בידי ישראל היילפרין, כרך ראשון שמ"א – תקנ"ב. מהדורה שנייה מתוקנת ומורחבת בידי ישראל ברטל. מבוא: שמואל אטינגר. מוסד ביאַליק והאוניברסיטה העברית (המרכז לחקר תולדות יהודי פולין ותרבותם), ירושלים, תש"ן.**

דער ועד ארבע ארצות (און דער ועד מדינת ליטא) האָט עקזיסטירט אין פוילן אַרום 200 יאָר, פון 16טן ביזן 18טן יאָרהונדערט. זיין פאָרמעלע ליקווידאַציע איז געשען אין 1764, אָבער זיין אָנהייב איז פאַרנעפלט. דער עלטסטער דאָקומענט איז פון 1580. פיל געלערנטע האַלטן, אַז דער ועד האָט שוין עקזיסטירט פריער. דער ועד איז געווען אַנערקענט ווי די לעגיטימע פאָרשטייערשאַפט פון די יידן אין פוילן. לגבי די יידן, איז דער ועד געווען דער העכסטער אָרגאַן פון די קהילות אין פוילן און אין ליטע. יעדנפאַלס זינט דער גאונים־עפּאָכע אין בבל איז נישט געווען קיין גרעסערע אינסטיטוציע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין גלות.

יידישע קהילות זענען שוין געווען אין פוילן אין 13טן יאָרהונדערט. צוזאַמען מיט דער עמיגראַנטן־כוואַליע פון דייטשלאַנד, נאָך דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע, זענען אָנגעקומען פיל יידן. אין מערב־אייראָפּע האָבן די צענטראַליסטישע טענדענצן פון די פעאָדאַלן און די אַנטיסעמיטישע גזירות און שחיטות פון די שטאָטישע איינוווינער דערפירט צו גירושים און וואַנדערונגען. פוילן איז געווען אַ מקום־מקלט פאַר די וואַנדערער, מחמת אירע גרויסע שטחים זענען געווען פוסט און וויסט. אויסער דעם האָבן די פוילישע קעניגן געזען אין יידן אַ קאָלאָניזאַטאָרישן עלעמענט, וואָס קען אויך פאַרגרעסערן די הכנסות פון דער מדינה.

שוין אין 1512 האָט דער קעניג זיגמונט דער ערשטער נאָמינירט רייכע יידן צו זיין שטייערן־מאָנער פון די יידן, און באַשטימט אויך רבנים ("רבני המדינה") וואָס זאָלן זיי העלפן. דער קעניג האָט געגעבן די רבנים גרויסע פולמאַכטן צו משפטן יידן און צווינגען זיי מקיים צו זיין די יידישע דינים.

די שטייערן־מאָנעריי האָט אַרויסגערופן מחלוקתן צווישן די קהילות. יעדע איינע האָט, בדרך הטבע, געוואָלט צאָלן וואָס

דער מחבר איז דער מהרש"ק, א באַרימטער גאון, אָבער ר' שניאור זלמן ברענגט ראיות אָפּצווענדן זיין היתר און דריקט זיך אויס "ושגה הרבה" – ער האָט א סך געגרייזט מיט זיינע ראיות און ער? ער איז מתיר! אָבער זיין היתר איז באַזירט אויף אנדערע מקורים און שטארקערע ראיות.

אזעלכע רבנים האָבן באַזעסן דעם רבנות־טראָן אין לובלין.

נאָך אים איז געקומען ר' הלל ליבשיץ; ר' אליהו קלאצקין – און דער לעצטער לובלינער רב, ר' מאיר שאפּיראָ, א גדול אויף א סך געביטן און אן עסקן – ניטאָ קיין פארגלייך: געגרינדעט ישיבת חכמי לובלין; פּראָקלאמירט דעם "דף היומי"; פארנומען אן אָנגעזען אָרט אין דער אגודת ישראל; א מחבר פון הלכה און דרוש־ספרים.

דאָס הייליקע לובלין מיט אירע הייליקע גאונישע גייסט־מענטשן – דאָס אלץ איז פארגאנגנהייט און מיר בלייבן ביים פּסוק פון יחזקאל הנביא: התחיינה העצמות האלה – קאָנען די דאַזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?... (יחזקאל, ל"ז, ג').

**למערכת "קול לובלין"**
אבקש לתקן האי־דיוקים שהופיעו בשירי
המוקדש לאחי **קלמן וייסלפיש** ז"ל
בעמ' 41 ב"קול לובלין" מס' 26

| **במקום** | **צריך להיות:** |
|---|---|
| מפלצת המוות | מפלצתו – המוות |
| עתום־הצלת | עתים – הצלה |
| **פיצוי מיסורים** | פידוי מיסורים |

**צפורה דסקל־וייסלפיש**

ווייניקער. צוליב דעם האָט מלכות מוותר געווען אויף די שטייערן מאָנער, אָבער נישט אָפּגעזאָגט זיך פון די קאָלעקטיווע שטייערן וואָס דער ועד, אַלס פאָרשטייער פון די קהילות, האָט געמוזט אַריינטראָגן אין דער מלוכה־קאַסע.

דער שותפותדיקער גורל פון די קהילות האָט אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט צונויפרעדן זיך צוזאַמען אויף די גרויסע יאַרידן, פון צייט צו צייט, אין לובלין און אין יאַראָסלאַוו. ביי דער געלעגנהייט פלעגן פאָרקומען דין־תורהס וועגן כלל־ישראל ענינים און אַפילו צווישן יחידים, וואָס האָבן אַפּעלירט אויפן פסק פון אָרטיקן רב. פון די אַלע צוזאַמענקונפטן איז אַרויסגעקומען דער ועד ארבע ארצות.

דער ועד האָט אַרומגענומען גרויספוילן (הויפּט־קהילות פויזן און קאַליש); קליין־פוילן (קראָקע און צאָזמער); רויט־רוסלאַנד (לוואָוו־לעמבערג) און וואָלין (אוסטראָה, לוצק, לודמיר און קרעמענעץ). די קהילות זענען געווען אָרגאַניזירט אין ועד הגליל (קרייז־קאָמיטעטן). זייערע פאָרשטייער פלעגן זיך צונויפקומען צוויי מאָל אַ יאָר, צוזאַמען מיט די רבנים.

צווישן די צוזאַמענקונפטן האָט רעפּרעזענטירט דעם ועד, דער "פּרנס דד' ארצות" און אַ "נאמן", וואָס איז געווען סעקרעטאַר און קאַסירער. דער וויכטיקסטער אַמט איז געווען פון שתדלן, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם ועד אין קעניגלעכן הויף, אין סיים און אין די טריבונאַלן. אין 18טן יאָרהונדערט איז מען זיך צוזאַמענגעקומען זייער ווייניק, מחמת די פאָרשטייער פון פינאַנס־מיניסטעריום פלעגן זיך באַטייליקן אין די זיצונגען.

אין די קהילות און אין די קרייז־קאָמיטעטן האָבן די בעלי המאה געהאַט די דעה. נאָר רייכע יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די "וויבאָרעס". אַ גרופּע גבירים און רבנים, וועלכע זענען געווען קרובים דורך חתונות, האָבן געפירט די גרענדע. די סאָציאַלע שפּאַנונגען זענען נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך די גזירות ת"ח ות"ט. מגידים און דרשנים האָבן אָנגעהויבן קריטיקירן די ראשי הקהל: עס איז אויפגעקומען אַ גרויסע מוסר־ליטעראַטור; עס האָבן זיך אָרגאַניזירט בעלי־מלאכה'שע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס, ווי אויך קרייזן פון אַסקעטישע און מיסטישע "חסידים", פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעקומען די חסידישע באַוועגונג.

אויסער שטייערן האָט זיך דער ועד פאַרנומען מיט אַלע פּראָבלעמען: רעליגיעזע, סאָציאַלע און קולטורעלע; און ראשית חכמה – מיט שנאת ישראל, וואָס איז געווען גרויס. זי האָט אַרומגענומען די קאַטוילישע קירכע, די פּראָטעסטאַנטן, וואָס זענען אַליין פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די קאַטאָליקן און די "מיעשטשאַנעס" פון די שטעט.

כמיעלניצקיס פּאָגראָמען אין ת"ח און ת"ט האָבן אויך געגעבן אַ גרויסן קלאַפּ דער יידישער אויטאָנאָמיע. דער חורבן פון פיל קהילות האָט אָפּגעשוואַכט דעם ועד און זיין השפּעה. דערפירט דערצו האָבן פיל סיבות: די קעניגלעכע מאַכט אין פוילן איז געוואָרן פאַרקלענערט און נישט געקענט באַשיצן די יידן. עלילות־דם האָבן זיך געמערט. די אויסערלעכע לאַגע האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די אינערלעכע באַציאונגען צווישן די פּרנסים און קהל. צו דעם איז צוגעקומען די אַנטוישונג פון שבתי צבי און דער שמד פון יעקב פראַנק. די חסידישע באַוועגונג האָט אויך נישט צוגעגעבן קיין געזונט צום ועד ארבע הארצות, וועלכער איז ליקווידירט געוואָרן, ווען די פוילישע מאַכט האָט איינגעפירט אַ נייעם סיסטעם פון שטייערן.

אָבער אין 18טן יאָרהונדערט האָבן שוין די פוילישע יידן אויסגעמאַכט די מערהייט פון יידישן פאָלק. דער פּנקס, אָדער די פּנקסים פון ועד ארבע הארצות זענען נעלם געוואָרן. עס קען זיין אַז די פּרנסים האָבן זיי אויסבאַהאַלטן, אָדער צעשטערט, אויס מורא פאַר מלכות. דריי אָריגינעלע בלעטלעך זענען דערגאַנגען צו שמעון דובנאָוו. ער האָט זיי אַוועקגעשענקט דעם "ייוואָ", און אין די מלחמה־יאָרן זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען.

מיט יאָרן צוריק האָט זיך פאַרנומען ישראל היילפּערין מיט רעסטאַווירירן דעם פּנקס. אין משך פון 18 יאָר האָט ער געזאַמלט פון כתבי־ידן, ספרים, יידישע און נישט־יידישע, פון דער וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַרישער פּרעסע אין פוילן, פּרייסן און רוסלאַנד, יעדן סימן, יעדע ידיעה, יעדע נאָטיץ און יעדן פּרט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן ועד ארבע ארצות. פון דעם אַלעמען האָט ער אויסגעבאַקן אַ פּנקס, אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר און מיט אַ גרויסער אידענטיפיקאַציע פון די פּערזאָנען און די פּאַסירונגען, מיט אינדעקסן און אַפילו מיט אַ מאַפּע "בית ישראל דד' ארצות". היילפּערינס פּנקס איז געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר יעדער פאָרשונג, וואָס האָט צו טאָן מיט דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פוילן.

פון די הונדערטער תקנות אין פּנקס קען מען אָפּלערנען גאָר אַ סך וועגן לעבן פון אונזערע אבות־אבותינו אין פוילן, וואָס איז געווען פול מיט שפּאַנונג סיי אין די יידיש־פוילישע באַציאונגען, און סיי אין די אינערלעכע באַציאונגען צווישן רבנים, פּרנסים, קהילות און סתם יידן. די תקנות נעמען אַרום פיל געביטן פון לעבן און שפּיגלען אָפּ כמעט אַלע פּראָבלעמען פון יענע צייטן.

## ווירכטיקע מעלדונג פאַר לובלינער יידן אין ישראל און אין די תפוצות

דער לובלינער יידישער בית הקברות אויף דער וואלעטשניך־גאס (אוניצקא) איז געוואָרן רעמאָנטירט און ארומגעצוימט מיט איבער 300 מצבות און מנורות. דער באנייטער בית הקברות, וועלכער איז באוואכט 24 שעה אין מעת־לעת, געפינט זיך אונטער דער שוץ פון מלוכהשן קאָנסערוואטאָר פון דער לובלינער וואָיעוואודסטווע און פון דעם שטאָט־קאָנסערוואטאָר.

**יעדער לובלינער ייד האָט איצט די מעגלעכקייט אויפצוקלאפּן אויף איינער פון די מצבות א גראניט־פּלאטע מיט די אויסגראווירטע נעמען און דאטעס פון די, וועלכע מ'וויל פאראייביקן.**

מיטן אָנגעבן דעם גענויעם טעקסט – אין איינער פון די דריי שפּראַכן – יידיש, עברית אָדער פויליש – דארף מען זיך ווענדן צו:

MANFRED FRENKEL,

2018 ANTWERPEN, RVBENSLEI 30 bus 5. BELGIUM

**און ביילייגן 300 דאָלאר** צו דעקן די קאָסטן פון גראווירן און אויפקלאפּן אויף דער מצבה. (דער גראניט ווערט צוגעשטעלט בחינם דורך דער פרענקעל־פונדאציע).

מיטן אדורכפירן די באשטעלונג, וועט יעדער באקומען א פאָטאָ־בילד פון דער מצבה, צוגעשיקט פון דער פונדאציע שרה באס און מאנפרעד פרענקעל אין אנטווערפּען, בעלגיע.

# דער דרדקי־חדר פון לאנגן משה

**יוסף אכטמאן**

אפילו אין מיין איצטיקן עלטער (92 יאָר), איז מיר נאָך אלץ שווער זיך אויסצוהיילן פון דער "קראנקייט" וואָס הייסט לובלין. א סברה, אז דער באקציל פון דער אלטער היים איז טיף פארוואָרצלט אין זכרון און באוווסטזיין. הגם מיינע זכרונות זענען פערזענלעכע, זענען אָבער די שילדערונגען פון אלגעמיינעם כאראקטער, ווייל אין אזא דרדקי־חדר האָבן דאָך געלערנט א סך לובלינער קינדער.

די נאדסטאוונע גאס איז געווען באקאנט מיט איר גרויסער צאָל חדרים. כמעט אין יעדן הויז האָט זיך געפונען א חדר. איך געדענק עטלעכע פון זיי, וואָס זענען שוין נישטאָ און וועלן נישט זיין מער, ווי אויך זייערע רבי'ס די מלמדים, וואָס זענען געווען באקאנט פון זייערע צונעמען – און נישט פון די פאמיליע־נעמען, ווי: דער בלינדער געצל, דער גראָבער ברוך, דער לאנגער משה און אנדערע.

דער מלמד געצל איז געווען בלינד נאָר אויף איין אויג, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט א שאָל פון א וועלטשענער ניס און די ברילן פאר דעם זעעוודיקן אויג, זענען געווען אָנגעהאָנגען אויף די אויערן מיט א שטריקל. דער פּופּיק, דער גראָבער ברוך, דער לאנגער משה, א סך האָבן נישט פארשטאנען, פאר וואָס מען רופט אים ניט דער הויכער. טאקע ביי אים, דעם ברייטפּלייציקן און לאנגן משה, האָב איך באקומען מיין ערשטע יידישע דערציאונג און בילדונג. זיין חדר איז געווען פארעכנט פאר די אזוי גערופענע "בעסערע קינדער", וועמענס עלטערן האָבן אנטקעגן אנדערע חדרים געצאָלט אן עטוואָס העכערן שכר־לימוד און צו דער צייט. דער לאנגער משה האָט אויך געהאט א בעלפער, וואָס האָט ביינאכט אָפּגעפירט די קינדער א היים. דער בעלפער האָט אויך אין סוכות געברענגט פאר גראָשנס צו די קינדערס עלטערן דעם אתרוג און לולב צום בענטשן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט זיך דערלויבן איינצוקויפן אן אייגענעם אתרוג. דאקעגן פסח האָט ער געברענגט די "סטעמפּע" צו שטויסן מצות אויף מצה־מעל פאר קניידלעך, כרעמזלעך און פערפל.

משהס דרדקי־חדר האָט זיך געפינען אין עק פון דער נאדסטאוונע גאס, נאָענט צום טייך, וועלכער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א שמוציק פליסיק וואסער, מיט שווימענדיקע שטיקלעך האָלץ, שמאטעס און אנדערע זאכן, וועלכע מיהאָט אהין אריינגעוואָרפן. אויסער דעם, האָבן די תלמידים נישט איינמאָל אראָפּגעלאָזט די הייזלעך און אויפן פלאץ געטאָן זייער באדערפעניש... אזוי איז זיך דאָס טייכל געפלאָסן דורך אייניקע גאסן פון דער יידישער געגנט אין לובלין און דערגאנגען ביז קאלינאָוושטשיזנע, העט־העט ביז קרויזעס מיל און דאָרט פארשוואונדן.

ווייזט אויס, אז איך האָב זיך געמוזט רעכענען צו די "בעסערע קינדער". איך בין דעמאָלט אלט געווען א יאָר 4־5 און כ'געדענק, ווי דער לאנגער משה בכבודו ובעצמו האָט מיך נישט געפירט ביים הענטל, נאָר ממש געטראָגן אויף זיינע הענט אין חדר אריין. דאָס איז געווען א גרויסער, לאנגער און ברייטער צימער, וואָס האָט אויך געדינט פאר א קוך און עסזאל. ביים ארייננגאנג איז געשטאנען א פאס מיט וואסער, וואָס די קינדער האָבן אין עמערס געברענגט פונעם פלומפּ אין הויף. די תלמידים האָבן אויך געהאָלפן דער רביצין אין דער שטוב־ווירטשאפט, ארויסגעטראָגן דאָס מיסט צום קאסטן, אויף וועלכן מ'האָט נישט איינמאָל געזען ארומלויפן שטשורעס און מייז.

ביים פענצטער לינקס, איז געשטאנען א טיש. בעצם – א לאנג ברעט, ארויפגעלייגט אויף קאָזלעס. אויף הארטע, אומבאקוועמע בענק, אָן אַן אָנלען, זענען געווען אויסגעזעצט עטלעכע צוואנציק קינדער, מיט וועלכער דער לאנגער משה האָט מיט א ניגון געקנעלט דעם אלף־בית; צי א פרשה חומש און רש"י, אָדער מעביר געווען די סדרה פון דער וואָך. ווי אויך: אישה, אַן אישה כי ווען תזריע זי וועט תזריע זיין וילדה זכר און סיוועט געבוירן ווערן א זכר וטמאה שבעה ימים – און אזוי ווייטער... דאקעגן מיט די קינדער, וואָס האָבן געהאט "אָפּענע קעפּ", האָט ער טיילמאָל געלערנט א בלאט גמרא.

דאָס שלאָפצימער איז געווען רעכטס, אָפּגעטיילט מיט א הילצערן ווענטל, אויף וועלכן ס'איז געהאָנגען דאָס בילד פון משה רבינו מיט די עשרת הדברות. רעכטס – דאָס בילד פון אהרון הכהן. און אינמיטן, צווישן די צוויי – א שיין קאָלירט בילד פון רבנים און גאונים, בראש מיטן רמב"ם. מיר האָבן געטראכט נישט איינמאָל: פון וואנען האָט מען געוווסט, ווי אזוי די אלע גרויסע, בכבודיקע לייט האָבן אויסגעזען?

אין שלאָפצימער זענען געשטאנען צוויי בעטן, אין פאָרם פון א "ד", א קאָמאָד פאר וועש און אויף אים – צוויי מעשענע לייכטער מיט א בשמים־פּושקע. איך מיין, אז פון זילבער, ווי אויך עטלעכע בעכער. אין דעם שענקל האָט נישט געקענט ארייננגיין א סך פון זייער גארדעראָב, זענען די רעשט מלבושים געהאָנגען, ווי פארשעמט, אויף דער וואנט, איבערגעדעקט מיט א ליילעך.

אזוי האָט מען זומער און ווינטער, ביז אין דער נאכט אריין, געלערנט, ריכטיקער געזאָגט – געקנעלט מיט די קינדער: "ויקרא האָט גערופן, אל צו משה, איינער וואָס האָט געהייסן משה". נאָר מיר, די קינדער האָבן שוין געוווסט, אז דאָס איז משה רבינו...

נאָר דעם אמת געזאָגט, זענען דאָך פון אזעלכע דרדקי־חדרים מיט זייערע מלמדים אויסגעוואקסן רבנים, געלערנטע, פער־מענטשן, אינזשעניערן, דאָקטוירים און פערזענלעכקייטן, מיט וועלכע אונדזער פאָלק האָט שטאָלצירט...


כל יוצאי לובלין מתבקשים
להזדרז במסירת תמונות קרוביהם
שניספו בשואה – למדור "יזכור" של

**אלבום לובלין**

**הכתובת: ד"ר נ. בן־טובים, רמת־גן, פני הגבעה 16**
**טלפון: (03) 7524551**



א. גלדמן מסאן־פרנציסקו ליד הבית של "בית אולפנה" בלובלין, בביקור בעיר בשנת 1990

א. געלדמאַן פון סאַן־פראַנציסקאָ, ביים הויז פון דער בית אולפנה שול, בעתן באַזוך אין שטאָט אין 1990

# אפשר איז ווער געבליבן?

# רופט אייך אָפּ!

## א. געלדמאַן / סאַן־פראַנציסקאָ

איך בין א ייד פון לובלין, געבוירן אין דער דאָזיקער שטאָט מיט 67 יאָר צוריק, אויף דער סטאַשיצא גאַס, וואָס האָט פריער געהייסן פּאַנטשאָנטקאָווסקאַ. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט מיין פאָטער מיך געפירט אין חדר אויף דער ריבנע גאַס. שפּעטער האָב איך געלערנט אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, נישט ווייט פון קינאָ "קאַרסאָ". מיינע לערערס זענען געווען די פּראָפעסאָרן בלומענטאַל, מאַנדעלסבערג, קליינמאַנאַוואַ, העסטעל און אַנדערע.

איך האָב אין לובלין געהאַט עלטערן, א ברודער און א שוועסטער. געוווינט האָבן מיר אין "ספּולדאָם", צום סוף פון דער פּראָבאַסטווע גאַס. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א פעלד. איצט הייסט די גאַס אַנדערש.

ביז ס'איז געקומען דער טאָג פון 1טן סעפּטעמבער 1939. שווארצע וואָלקנס האָבן באַדעקט פּוילנס הימלען. די שטאָט האָט געטרויערט און געוויינט – און דעם 9טן סעפּטעמבער, האָט זי אָנגעהויבן ברענען פון די דייטשישע באָמבעס. איך האָב געזען ליגן טויטע אויף די גאַסן און אַנדערע שרעקלעכע בילדער. יענעם טאָג בין איך אַוועק פון לובלין, אַנטלאָפן, ווייל אַזוי האָבן געוואָלט מיינע עלטערן. אָבער זיי זענען געבליבן.

איך שרייב די דאָזיקע שורות אין דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט סאַן־פראַנציסקאָ. שוין א האַלבער יאָרהונדערט איז פאַריבער, זייט מיינע עלטערן זענען נישטאָ. זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן קדושים.

נאָך צוויי וואָכן פון פאַרלאָזן די שטאָט, האָב איך זיך געוואָלט צוריקקערן צו טאַטע־מאַמע, אָבער לובלין איז שוין געווען אָקופּירט פון די נאַצישע חיילות און די דעמאַרקאַציע־ליניע איז דורך מאָסקווע און בערלין באַשטימט געוואָרן דער טייך בוג. 49 יאָר האָב איך געלעבט אין רוסלאַנד, ווו מ'האָט פּרובירט מיך צו פאַרשיקן קיין סיביר, נאָר מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן פון וואַגאָן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר.

49 יאָר האָב איך איבערגעלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז אָבער מיין היימשטאָט לובלין געבליבן טיף־טיף איינגעבאַקן אין האַרצן. מיינע פריינט אין יענעם גרויסן לאַנד, האָב איך דערציילט וועגן דער יידישער לובלין, דערמאָנט אונדזערע יום־טובים, געזינגען פאַר זיי יידישע פאָלקס־לידער און חסידישע ניגונים. ביי א גאָר פייערלעכער שטימונג, האָב איך פאַר זיי געמאַכט לאַטקעס, געגרייט לעבערלעך און דערקלערט, וואָס ס'איז אַזוינס טשאָלנט. נאָר אַרום און אַרום איז גאָרנישט געווען, וואָס זאָל דערמאָנען די אַלטע היים, די פאַרגאַנגענהייט. מ'האָט געפּראַוועט אַנדערע יום־טובים, אַנדערע לידער געזונגען, א גאַנץ אַנדערש לעבן געפירט.

★

49 יאָר האָב איך איבערגעלעבט אין רוסלאַנד און נישט איינמאָל געטראַכט, אַז פון דעם אַמאָליקן לעבן איז שוין גאָרנישט געבליבן, אַז דער געדעכעניש פון מיין שטאָט איז פאַרלוירן געגאַנגען, נישטאָ מער קיין לובלינער יידן. די יום־טובים פון מיינע יוגנט־יאָרן האָט מען אויפגעהערט צו פייערן. די אַלטע מעלאָדיעס זענען אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט. אַלץ איז פאַרשוווּנדן, אַראָפּ הינטערן וואַסער, ווי אַטלאַנטידע... אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט – נאָר אָט בין איך אַוועק פון יענעם לאַנד, איך געפין זיך איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ס'איז געשען א נס. מיט אַמאָל האָט זיך אַלץ צוריקגעקערט: מיינע יום־טובים, די לידער, די שטאָט – אַלץ האָט אויפגעלעבט אין זכרון און אין דער וויזיע.

געשען איז עס נאָכדעם, ווי כ'האָב אין סאַן־פראַנציסקאָ געטראָפן אונדזער בן־עיר, דעם האַרציקן ייד מענדאַלע מילשטיין (וואָס איז מיט א יאָר שפּעטער געשטאָרבן). ער האָט מיר געוויזן "דאָס בוך פון לובלין", וואָס איז דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1952 און יעדער שורה און בילד פון דעם ספר, האָט מיר דערמאָנט היימישקייט און נאָענטקייט. מענדאַלע האָט מיר אויך געגעבן אַדורכצולייענען עטלעכע נומערן פון "קול לובלין", די יערלעכע אויסגאַבע פון די לאַנדסלייט אין ישראל און אין דער וועלט – און כ'האָב באמת געהערט און געפילט דאָס קול פון דער אַמאָליקער יידישער לובלין.

אין מיין זכרון זענען אויפגעשוווּמען נעמען פון גוט באַקאַנטע משפחות, פון גאַסן און געסלעך, פון שילערס פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע. א צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין סאַן־פראַנציסקאָ איז אין א יידישן קלוב געוויזן געוואָרן דער פילם "דיבוק" פון ש. אַנסקי און ס'האָט שטאַרק א טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. איך האָב דאָך דעם דאָזיקן פילם געזען מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק, מיטן אַנטייל פון באַרימטן חזן גרשון סיראָטא. איך האָב אויך געהערט א סך מעלאָדיעס און לידער פון מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, ווי: "מה קא משמע לן דער זייגער", "גיי איך מיר אין געסעלע", "מיין שטעטעלע בעלז", וואָס האָט אַזוי שטאַרק געברענגט צום אויסדרוק מיינע שטימונגען און געפילן.

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער לובאַרטאָווסקע גאַס, וועלכע איז געווען יידיש פון אָנהייב ביזן סוף. אויף דער גאַס, אין הויז נומער 4, האָט דער טאַטע מיך מיטגענומען יעדן שבת און יום־טוב צום דאַווענען. איצט געפינט זיך דאָרט דער אָנדענק־צימער לזכר די לובלינער יידן. נישט ווייט פון דעם

הויז האָט זיך געפינען די "אויסטויש־קאַנטאָר" פון מאָריינען, ווו מיין פּאָטער האָט געאַרבעט.

איך געדענק די אַלטע פרוי, וואָס פאר 5 גראָשן האָט זי פארקויפט אזא געשמאַק, אויסגעברוינט באָבעלע, באַשמירט מיט א שטיקעלע פוטער. איך דערמאָן זיך דאָס מיידעלע מיט די שווארצע אויגן און שווארץ געקרייזלטע האָר, גערופן האָט מען זי כעלא. זי איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן, נאָר איך האָב נישט געוואַגט וועגן דעם צו ריידן – א שעמעוודיקער בחור.

איך געדענק דעם טאָג, דוכט זיך אז דאָס איז געווען אין יאָר 1936, ווען מיר האָבן איבערגעריסן די לעקציעס אויס סאָלידאַריטעט מיטן אַלגעמיינעם פּראָטעסט־שטרייק, וועלכן ס'האָט אדורכגעפירט דאָס פּוילישע יידנטום קעגן די געשעענישן אין פּשיטיק. דער שול־דירעקטאָר האָט מיך געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאר דעם שילער־פּראָטעסט, ווייל איך בין דעמאָלט געווען דער סטאַראָסטע פון קלאַס. איך דערמאָן זיך זיין טענה צו מיר: "ווו איז געווען דיין הינטישער חוב?"

איך האָב זיך דערמאָנט די חנוכה־ליכטלעך, די פּורימדיקע גרעגערס, די פיר קשיות אין דער פּסחדיקער סדר־נאַכט און דעם יום־כּיפּורדיקן ניגון און תּפילה "כּל נדרי".

★

און ווי קאָן מען פאַרגעסן דאָס שטעטל לענטשנע, נישט ווייט פון לובלין, ווו ס'האָט געוווינט מיין זיידע מיט דער ווייסער באָרד? אזוי ער, די באָבע, די משפּחה, די היים מיינע – וועלכע כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זי איז שטענדיק געווען מיט מיר, אין מיין טיפן באַוווּסטזיין און געמיט. יענעם פרייטיקדיקן טאָג, איז די מאַמע געקומען א היים פון מאַרק א פאַרוויינטע און געבראַנגט די שרעקלעכע ידיעה, אז די מלחמה איז אויסגעבראָכן. דער טאַטע, תּמיד פאַרזונקען אין זיינע מחשבות, האָט געשפּאַנט אין צימער אהין און צוריק – א געוווינהייט, וועלכע איך האָב פון אים געירשנט. אָט שטייט פאר מיינע אויגן די שוועסטער, וואָס האָט מיט אַלע כּוחות זיך געריסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. און מיין יונגערער ברודער, וועמען מ'האָט גערופן "קיצוש". דאָס איינציקע וואָס מיר איז פון זיי געבליבן, זענען די פאָטאָגראַפיעס, וועלכע מיר איז געלונגען אַרויסצופירן פון לובלין.

איצט ווייס איך, אז יענע לובלין פון מיינע זאָרגלאָזע קינדער־יאָרן, עקזיסטירט נישט מער, הגם לובלין עקזיסטירט יאָ. זי איז אָבער אין גאַנצן אַן אַנדערע שטאָט, אזא קאַלטע. נישטאָ די וואַרעמקייט, יידישע קינדערלעך לויפן נישט אַרום מער אויף דער לובאַרטאָווסקע און שעראָקע גאַס; מ'הערט נישט דאָס הויכע ריידן יידיש; אפילו די קברים זענען נישטאָ און איך ווייס נישט ווו מיין משפּחה איז געקומען צו קבר ישראל. ווי אזוי האָבן מיינע נאָענטסטע איבערגעלעבט זייערע לעצטע טעג?

נאָר קאַלטע שטיינער פון די גאַסן זענען געבליבן, ווי דער איינציקער עדות פון מיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן און זיי האָבן גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט צו די שרעקלעכע געשעענישן אין יענער צייט. שטיינער ווייסן אָבער צו שווייגן און נישט זיי זענען מסוגל צו דערציילן די געשיכטע פון א שטאָט, ווו א יידישער ישוב האָט עקזיסטירט איבער 600 יאָר. א שטאָט, וואָס האָט געדינט ווי א לייכט־טורעם פאר יידישער קולטור, טראַדיציע, רעליגיע, ווו יידן זענען געווען א דריטל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

★

איך גלויב, אז דער אָנדענק פון דער יידישער לובלין וועט אייביק לעבן אין די הערצער און זכרון פון לובלינער יידן, וואָס געפינען זיך אין מעלבורן, טאָראָנטאָ, פּאַריז, ניו־יאָרק, תּל־אביב. אויך אין די הערצער פון קינדער און אייניקלעך, וואָס האָבן די שטאָט קיינמאָל נישט געזען פאר זייערע אויגן. נאָר איך טרוים דאָרט אמאָל צוצופאָרן, שפּאַצירן אויף די מיר באַקאַנטע גאַסן, אַריינקוקן אין די פענצטער, ווו ס'האָבן געוווינט די, וואָס זענען אַוועק אויף שטענדיק. (באַמערקונג פון רעדאַקטאָר: היי־יאָר האָט א. גאָלדמאַן באַזוכט לובלין און וועגן דעם וועלן מיר שרייבן אין נאָענטסטן נומער "קול לובלין"). עס ווילט זיך בוקן צו די שטיינער־עדות און זיי שטיל א פרעג טאָן: אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן דעם גורל פון מיינע נאָענטסטע, אפשר קענט איר עפּעס דערציילן?

ניין! די שטיינער וועלן גאָרנישט דערציילן. פון דעסטוועגן וועל איך נאָך אמאָל פאָרן אהין און געפינען אַן אָרט ווו צו בעטן סליחה ביי די, וועמען איך האָב פאַרלאָזט אין די שווערע צייטן. איך וועל זיך פּשוט אויסוויינען. און פאר וואָס שרייב איך וועגן דעם אַלעמען? איך טו דאָס דערפאַר, צו פרעגן, אפשר איז דאָ עמעצער, וואָס האָט געוווינט אין "ספּולדאָס" אויף דער פּראָבאָסטווע נומער 19 און געדענקט די דירה אין דער אָפּיצינע, ווו אונדזער משפּחה האָט געוווינט? און ווער האָט געקויפט "לאָסן" (לאָטעריע־צעטלען) ביי מיין פאָטער, אין א נישט גרויס קאַנטאָרל אויף דער לובאַרטאָווסקע, מיט דעם שרייענדיקן נאָמען "פיליע פון באַנק"?

און ווער ס'האָט אין יאָר 1938 געענדיקט די 6טע קלאַס אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע און "געזדאַווּעט" די קליינע עקסטערן־מאַטורע?

אפשר געדענקט ווער דעם הויכן, מאָגערן ברודער מיינעם אין ברילן, מיטן צונאָמען "טשאַפּוכע"?

אפשר איז געבליבן ווער פון די גימנאַזיסטקעס, מיט וועלכע מ'האָט געלערנט צוזאַמען אין שול?

אפשר האָט זיך ווער אָפּגעראַטעוועט – רופט זיך אָפּ! איך בעט אייך!

(איבערזעצט פון רוסיש: **א. לאַסקאָווסקי**)


ס'איז נאָך פאַרבליבן א קליינע צאָל קאָפּיעס
פונעם בוך פון

נאַטעק אַקערמאַן
## לובלינער דערינערונגען

160 ז"ז זכרונות פון דער אַלטער היים
און פון א יידישן גימנאַזיסט
אין א פּוילישער מיטלשול.

צו באַקומען ביים מחבר, אויף דעם אַדרעס:
Ewa , Anatol Akerman, Marknadsvanen 183 34 Täby SVERIGE

# "לובלינער יידן פון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אייך"

## א.ק. / וואַרשע

אָט איז שוין אָנגעקומען דער נומער 26 פון "קול לובלין", די יערלעכע אויסגאַבע פון לובלינער יידן אין ישראל און אין די תפוצות. און ווי יעדער נומער, איז אויך דער איצטיקער אינהאַלטרייך, אינטערעסאַנט, אָנגעפיקעוועט מיט אַ סך מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן און שאפן פון די לובלינער יידן אַמאָל און היינט.

ווען איר בלעטערט יעדן נומער פון "קול לובלין", ווען איר לייענט וועגן די צרות, ווייטיקן און פיין, וואָס די יידן האָבן דורכגעמאַכט בימי היטלער, גייט נאָך היינט, אַ האַלבן יאָר־הונדערט נאָכן חורבן אַדורך אַ שוידער איבער די ביינער. עס איז נישט מעגלעך צו בלייבן גלייכגילטיק צו דעם אַלעם, וואָס איז געשען, עס קאָכט נאָך אין אונדז אויף דאָס בלוט און עס ביילן זיך די פויסטן.

רירנדיק זענען די באַשרייבונגען פון צפורה דסקל־ווייסלפיש, פון שרה און מאַנפרעד פרענקעל. נישט ווייניק זענען אינטערעסאַנט די שילדערונגען פון די באַזוכן אין באַפרייטן לובלין מיט 45 יאָר צוריק, פון משה קאָרן און מאָטל טרייסמאַן (מעלבערן). אַזעלכע איבערלעבונגען לאָזן זיך נישט פאַרגעסן, זיי בלייבן איינגעבאַקן טיף אין האַרצן פון יעדן ייד.

אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל "נחת פון לובלינער יידן", ווערט דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, וואָס זיי טוען, בכדי צו העלפן פאַראייביקן די דענקמעלער פון זייער אַלטער היים, קיין שום זאַך נישט לאָזן פאַרגעסן פאַר דער געשיכטע, פאַראייביקן פאַר אַלע צייטן די איבערבלייבענישן פון דער היסטאָרישער שטאָט, צי זאָל דאָס זיין דער לאָקאַל פון דעם אַמאָליקן בית־המדרש, דאָס געוועזענע יידישע שפּיטאָל, ישיבת חכמי־לובלין, דאָס פּרץ־הויז, דאָס אַלטע און נייע בית־החיים, דער איפגעבויטער נאָך דער באַפרייונג יידישע דענקמאָל און אַנדערע ווירדיקייטן.

צווישן די מענטשן, וואָס העלפן טאָן די דאָזיקע הייליקע אַרבעט, ווערט אַרויסגעהויבן דער נאָמען פון אַלטן לובלינער תושב ד"ר בונים־שמחה ווייס, וועלכער לעבט היינט אין וואַרשע, נאָר פאַרברענגט מער אין לובלין, ווי אין זיין היים.

ער הערט נישט אויף צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אַמאָליקן יידישן לעבן. ער נעמט אויף אויסלענדישע געסט, פירט זיי אַרום איבער די היסטאָרישע ערטער פון אַמאָליקן יידישן לובלין.

אין דעם באַהאַנדלטן נומער ווערט אַ סך געשריבן וועגן ד"ר ווייסן. די פּוילישע טאָג־צייטונג "נאָוויני־קוריער", וואָס דערשיינט אין תל־אביב, דערציילט וועגן דעם שווערן קאַמף, וואָס ד"ר ווייס האָט געפירט אין לובלינער שטאָטראַט, אַז צוויי צימערן פונעם בנין פון דער געוועזענער ישיבת חכמי לובלין, ווו עס געפינט זיך היינט די דעמאָנטאָלאָגישע שול פון געזונטהייטס־מיניסטעריום, זאָל ווערן אויסגעטיילט אן אָרט פאר תפילות און אָפּרו פאר יידן, וואָס קומען פון דער גאַנצער וועלט באַזוכן לובלין.

מיט ליבשאַפט שרייבט דער זשורנאל וועגן די אויפטוען פון די לובלינער יידן אומעטום, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען. עס ווערט דערציילט וועגן דער אינטערעסאַנטער אַרבעט פון די באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן. וויאַזוי עס ווערן פאַרצייכנט די יאָרצייטן־דאַטעס פון די יידישע קהילות. מיר ווערן אויך געוווירר, וועגן דער זאמל־אַקציע פאר ישראל לטובת דער עליה אין קליטה פון די סאָוויעטישע יידן און וועגן אַנדערע באַשטייערונגען.

חוץ וועגן לובלין, ווערט אויף די שפּאַלטן פון זשורנאַל אויך ברייט אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין כמעט אַלע שטעטלעך פון דער וואָיעוואָדשאַפט.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס עס ווערן אומעטום דורכגעפירט די יזכור־אַקטן, איז אַ גרויסער אויפטו.

ווי אין אַלע יידישע אויסגאַבעס, ווערט אויך אין "קול לובלין" אָפּגעבן אַ סך אָרט אויף צום באַערן די, וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט. זיי ווערט אָפּגעגעבן גרויס כבוד!

ווען מען לייענט איבער דעם זשורנאַל, זעט מען ווי ריכטיק עס איז די באַצייכענונג: "לובלינער יידן פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך" און זיי זענען טאַקע פאַראייניקט, איינע זאָרגן פארן גורל פון אַלע און אַלע פארן גורל פון אייגצלנעם ייד.

א גוטער אויפטו איז אויך, וואָס אייניקע מאַטעריאַלן זענען פאַרעפנטלעכט אין עטלעכע שפּראַכן: יידיש, עברית, פּויליש און ענגליש.

זאָל לאַנג לעבן דער פיינער זשורנאַל "קול לובלין"! ער גיט אַ גרויסן צושטייער צו דער חורבן־געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

("פאָלקס־שטימע", וואַרשע)

---

## איך זוך קרובים

איך בין געבוירן אין לובלין, געוווינט אויף 1טער מאַי גאַס נומ׳ 36. די טאָכטער פון שלאָסער **חנא חיים ראָכמאן**. מיין מאמע האָט געהייסן **שרה רבקה ראָכמאן**, פון דער היים **שלאָס**. איך האָב געהאט א שוועסטער **רויזע**, געבוירן אין יאָר 1923 און א ברודער **יעקב ברוך ראָכמאן**, געבוירן 1926.

איך בין **חיה ראָכמאן (העלא)**, געבוירן 1921. מיר זענען געווען א גרויסע פאמיליע, וועלכע איז פארטריבן געוואָרן אין געטאָ, ווען די דייטשן האָבן געוועלטיקט אין שטאָט. איך בין אנטלאָפן קיין רוסלאנד, חתונה געהאט אין קיעוו. אין 1940 האָט מיך באזוכט אין קיעוו איינער פון דער משפחה שטאָקפיש, נאָר איך געדענק נישט גענוי ווער, ווייל איר זייט געווען עטלעכע ברידער.

אין יאָר 1970 האָב איך באזוכט לובלין, אָבער נישט געפונען קיינעמען. אפשר ווייסט ווער פון מיין משפחה? מיין אדרעס:

KHLIA ALTER, 1955 E 7 STR. APT. D6
BROOKLYN, NEW-YORK 11223 – USA.

# דערינערונגען פון א לובלינער ייד

## גיטעלע עדעל־שילדקרויט / פאריז

**נאַטעק אַקערמאַן – לובלינער דערינערונגען, איבערזעצט פון פּויליש כּתבֿ־יד: דוד שטאָקפיש. פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָבֿיבֿ. 160 ז"ז.**

א מאָדנער געפיל באַהערשט דיך ביים לייענען דאָס בוך פון א ייד, א געבוירענער אין לובלין, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערציילן זיינע איבערלעבונגען פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן אין דער אַלטער היים. מיר איז געקומען אויפן גערדאַנק א מאמר פון דעם גרויסן רוסישן שרייבער און נאָבעל־פּרייז טרעגער אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין „דער שטאָט איז פאַרפּוילט" און כ'האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז אונדזערע לובלינער יידן גרויסן זיך דווקא מיט זייער לובלינער שטאָט און אָפּשטאַם. א קלייניקייט – ס'איז דאָך די שטאָט, וועלכע מ'האָט באַצייכנט ווי ירושלים ד'פּוילין, פון ועד ארבע ארצות, פון די לומדים און גאונים, פון דעם ברוויזנדיקן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן און רעליגיעזן לעבן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

היסטאָריקער און שרייבער, בראש מיטן פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן, ווי אונדזערע היימישע שלמה ניסענבוים, נ. שמן, בעלא מאַנדעלסבערג־שילדקרויט און „יידן פון א גאַנץ יאָר", האָבן נאָך דעם חורבן זיך גענומען צו דער פעדער און מיר האָבן זוכה געווען צו אַן אָנגעזעענער צאָל ביכער פון לובלינער מחברים. צו זיי איז לעצטנס צוגעקומען אונדזער בן־עיר נאַטעק אַקערמאַן, וואָס מיט פשטות און טאַלאַנט ברענגט ער אַרויס זכרונות און עפּיזאָדן פון די פריע קינדער־יאָרן, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער באַלייכט א ביז איצט נישט באַהאַנדלטע טעמע – דאָס לעבן פון דער לובלינער יידישער יוגנט, ווי שילערס אין א פּוילישער, מלוכהשער גימנאַזיע.

דער מחבר וויקלט פונאַנדער א ברייטע לייוונט פון זיין היימישער סביבה. ער שילדערט דעם טאַטן און די מאַמען און ברענגט אַרויס דאָס געשטאַלט פון דער מומע וואָלאָסטאָוויצער, וואָס א דאַנק איר, ענדערט זיך לגמרי דער לעבנס־שטייגער פון דער משפּחה. און אַלע ווערן אַזוי שיין באַשריבן... נאַטעק דערציילט וועגן זיי מיט טיפער בענקשאַפט, אַנטפּלעקט פאַר אונדז זייערע מחשבות, געפילן און גערראַנגלענישן פון מענטשן, וואָס זענען שוין נישטאָ. גלייכצייטיק פאַרהוילט ער נישט זיינע גערדאַנקען, אַדורכגעפלאָכטן מיט פאַנאַטישן אידעאַליזם און טיפער אמונה אין קאָמוניסטישן אידעאַל – ביזן דערוווייטערן זיך אפילו פון טאַטע־מאַמע, וואָס דערמאָנט געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין א סך יידישע היימען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. די יוגנט האָט געשטורעמט און געפייערט מיט לאָזונגען און ציטאַטן פון קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, וולאַדימיר לענין, פּיאָטר קראָפּאָטקין, פּלעכאַנאָוו, העגעל און אַנדערע.

דעם גרעסטן טייל פון זיין בוך ווידמעט נאַטעק אַקערמאַן דער תּקופֿה פון זיין אַריינטריט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז צו יענער צייט געווען אומלעגאַל און דערפאַר אויך גערודפט געוואָרן פון דער פּאָליציי און מלוכהשע אָרגאַנען. לייענענדיק די „לובלינער דערינערונגען", טרעפן מיר דאָרט רעאַלע געשטאַלטן, מענטשן פון דער אונדז גוט באַקאַנטער סביבה – נישט עפּעס אויספאַנטאַזירטע מענער און פרויען, ווי דאָס געשעט אָפט ביי שרייבער. מיר פילן ביי אַקערמאַנען זיין צוגעבונדנקייט צום לובלינער שטאָט, זיין נאָענטקייט און באַקאַנטשאַפט מיט די אַלע ווערטן, מיט וועלכע ס'האָט געלעבט און געאָטעמט זיין היימשטאָט לובלין.

מעגלעך, אַז נישט יעדן איינעם וועט געפעלן מיין פאַרגלייך, אַז ביים לייענען באַלאַבאַנס „די יידן־שטאָט לובלין", ווו עס ווערן אַרויסגעבראַכט די וויכטיקסטע פאַרזענלעכקייטן פון תּורה און חכמה, איז אַקערמאַנס „דערינערונגען" אַן אַרויסהייב פון עמך־יידן, ווי פון יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געהאָפט אויף א מאָדערנעם משיח, וועלכער האָט זיך באַדאַרפט באַווייזן פון מאָסקווע. די באַשרייבונגען פון דער „פּאָוושעכנער" שול, דערנאָך די עטלעכע קלאַסן אין דער מיטלשול, ווו נאָר דורך פּראָטעקציע האָט מען זיך געקענט אַריינבאַקומען אין דער מלוכהשער גימנאַזיע, ווו ס'האָט געהערשט „נומערוס קלאַוזוס" – נאָר 10% פאַר יידן. אָבער נאַטעק איז געלונגען איבערצוהיפּערן דעם צענזוס, ווייל זיין פאָטער דער דאַמען־שניידער, האָט צווישן זיינע קליענטינס אויך געהאַט פרויען פון אָרטיקע, הויכע מלוכה־באַאַמטע, פּאָלאַקן – און אין דעם זכות ווערט ער אָנגענומען אין דער סטאַשיצאַ־גימנאַזיע, וועלכע האָט טאַקע משפּיע געווען אויף דער אויספאָרמירונג פון זיין כאַראַקטער און אַרט דענקען, ווי דער מחבר איז דאָס מודה. און אַזוי אויך די לערער און שילער.

צוזאַמען מיט זיינע חברים פון דער שול־באַנק, וועלכע ער כאַראַקטעריזירט מיט ערנסטקייט, ווי אויך מיט קריטיק, פירט ער אויס אַלע אויפגאַבן, וועלכע די פּאַרטיי האָט אויף אים אַרויפגעלייגט – מיט מסירת־נפש און אחריות. ער פאַרגעסט אויך נישט צו דערמאָנען דעם באַרימטן אין גאַנץ פּוילן „פּראָצעס פון די 40", וועלכן די פּראָקוראַטור און געהיים־פּאָליציי אין לובלין האָט צוגעגרייט מיט פאַרנעם און נישט ווייניק פּראָוואָקאַציעס.

וויפל יידישע טאַטע־מאַמע זענען געוואָרן צוזאַמענגעבראָכן, פיזיש און מאָראַליש, ווען זייערס א קינד איז אַריינגעפאַלן אין פּאָליציייאישע הענט און שפּעטער פאַרמשפּט געוואָרן אויף יאָרן תּפיסה. אַזוי איז אויך געשען מיט נאַטעק אַקערמאַן, וואָס האָט אין דער ערשטער גריכטלעכער אינסטאַנץ באַקומען 6 יאָר תּפיסה, וועלכע ער האָט שווער איבערגעלעבט, אויך צוליבן צעשיידן זיך מיט זיין באַליבטער חברטע עווא, וועלכע ווערט שפּעטער זיין לעבנס־באַגלייטערין – און טאַקע איר איז געווידמעט זיין בוך.

צוזאַמען מיט עוואַן, פאַרלאָזט ער לובלין בעת דעם אויסברוך פון דער מלחמה, נאָכן זעלבסט־באַפרייען זיך פון „זאַמעק" מיט נאָך אַרעסטאַנטן. די כאַראַקטעריסטיק איז די שילדערונג פון נאַטעקס צעשיידן זיך מיט דער משפּחה. די מאַמע באַגלייט אים מיט טרערן און בעט־פּאָדערט, אַז דאָס פאַרליבטע פּאָרל זאָל שטעלן א חופּה, איידער זיי פאַרלאָזן לובלין און די משפּחה, וועלכע מ'האָט געזען צום לעצטן מאָל, ווייל זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון דער גרויסער לובלינער יידישער קהילה, וועלכע האָט ביזן חורבן געציילט א 45 טויזנט נפשות.

נאַטעק אַקערמאַן, א קינד פון אַן אָנגעזעענער לובלינער יידישע משפּחה, ווי דער איבערזעצער פון זיין בוך אויף אונדזער יידיש־לשון, דוד שטאָקפיש, האָבן זיך פאַרדינט א יישר־כּוח פאַרן צולייגן נאָך א ציגל צום פאַראייביקונג־בנין פון דער יידישער לובלין און פאַרן ביישטייער צו די דערשינענע ביכער, וועלכע געהערן צו דער חורבן־ליטעראַטור.

# הונדערט אומזיסטע מיטאָגן א טאָג פאר עולים אין תל־אביב — במשך א יאָר

## אַ פערטל מיליאַן שקל פאר דעם צוועק, האָבן געשפּענדעט ליובא און משה קאָרן, ווי אויך מאָריס אבראמאָוויטש, אברהם ראָזען און נאָך יידן פון פראַנקפורט. ● די רעאַליזאַציע פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג איז געוואָרן אדורכגעפירט דורך דעם "קרן תל־אביב לפיתוח" ("תל־אביבער פאָנד פאר אנטוויקלונג")

א דאנק דער איניציאטיוו פון פרוי ליובא קאָרן און איר מאן משה, ווי אויך מאָריס אַבראַמאָוויטש, אברהם ראָזען און אנדערע יידן פון פראנקפורט, אין רעאַליזירט געוואָרן דער פּלאן פון ארויסגעבן יעדן טאָג, אין תל־אביב, און אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, וואַרעמע מיטאָגן פאר נייע עולים. די צערעמאָניע פון דערעפענען די דאָזיקע אונטערנעמונג איז פאָרגעקומען אין לאָקאל פון בני־ברית אין תל־אביב, ווו מ'וועט עסן די מיטאָגן, פאר א סימבאָלישן פרייז פון 1 שקל.

דאָס געלט פאר דעם צוועק איז מאָביליזירט געוואָרן פון שפּענדונגען פון אַ ריי יידן פון פראנקפורט, דייטשלאַנד, וועלכע האָבן איניציאירט די דאָזיקע אקציע, כדי אויסצודריקן אויף דעם וועג זייער מיטהילף פאר דער אבסאָרבציע פון עולים אין ישראל. בראש פון דער גרופּע שטייען: ליובא און משה קאָרן, ווי אויך מאָריס אבראמאָוויטש און אברהם ראָזען.

די פייערלעכע צערעמאָניע איז געעפנט געוואָרן דורך דעם גענעראל־דירעקטאַר פון קרן תל־אביב לפיתוח, חנן בן־יהודה, וועלכער האָט הארציק געדאנקט די שפּענדער פאר דער דאָזיקער שיינער טאט און אונטערגעשטראָכן, אַז דערפון וועלן הנאה האָבן הונדערטער עולים, וועלכע וועלן באקומען יעדן טאָג און אין משך פון אַ גאנץ יאָרווארעמע מיטאָגן אין זאל פון בני־ברית אין תל־אביב.

פרוי ליובא קאָרן, די הויפּט־איניציאטאָרין פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג, האָט (אין רוסיש) באגריסט די נייע עולים אין זאל, די מיטגלידער פונעם פּרעזידיום, בראש מיט שלמה להט, בירגערמייסטער פון תל־אביב. פרוי קאָרן האָט אויסגעדריקט איר האָפענונג, אז די עולים וועלן זיך בקרוב איינאָרדענען און וועלן זיך נישט נויטיקן אין די דאָזיקע מיטאָגן, ווייל זיי וועלן מיט דער צייט באקומען ארבעט און געהעריקע וווינונגען.

אירע ווערטער זענען אויפגענומען געוואָרן זייער ווארעם דורך די עולים און אלע פארזאמלטע אין זאל.

דער בירגערמייסטער פון תל־אביב, שלמה להט, האָט דערקלערט אין זיין באגריסונג־וואָרט, אז געוויס וועלן אנדערע שפּענדער נאָכטאָן דעם דאָזיקן שיינעם ביישפּיל פון דער משפחה קאָרן און אנדערע, אָבער בעסער וועט זיין פאר די עולים און פאר דער מדינה, ווען זיי, די נייע עולים, וועלן זיך גוט אבסאָרבירן און נישט דארפן אָנקומען צו אזא פילאנטראָפּיע.

ביי דער געלעגנהייט האָט ה' להט איבערגעגעבן דער פרוי ליובא און משה קארן א באגילדעטע מזוזה, לויט דער צייכענונג פון מארק שאגאל. אנערקענונגס־מעדאלן האָבן אויך באקומען די פאמיליעס אבראמאָוויטש און ראָזען.

אין דער דאָזיקער פייערונג האָבן זיך באטייליקט אַ ריי מיטגלידער פון תל־אביבער שטאָטראט, זשורנאליסטן און פאָרשטייער פון געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס.

("לעצטע נייעס", תל־אביב)



לובא און משה קאָבן, מיטן ראש־העיר פון תל־אביב, שלמה להט

### קאָפּל מיזשעריצקי

# צו זיין ווערן אַ בן שבעים־וחמש

ווי אַ לאַנג יאָריקע טראַדיציע פון פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, ווערט שטענדיק געפייערט די געבוירניאָרן פון פאַרדינסטפולע אַקטיוויסטן, וואָס העלפן פארשטאַרקן די קולטור טעטיקייט פון פאַרבאַנד, וועלכער פאַרנעמט א וויכטיק אָרט אין דעם היגן געזעלשאפטלעכן לעבן. אין אַזאַ פאַרדינסטפולע פייערונג איז פאָרגעקומען לכבוד דעם סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, קאָפּל מיזשעריצקי.

ביי פיין געדעקטע טישן, ביי וועלכע ס'זענען געזעסן די גאַנצע משפחה און פאַמיליאַרן, אַלע פארוואלטונג־מיטגלידער און איינגעלאַדענע חברים און פריינד – איז דער בעסטער באַווייז ווי באַקאַנט און רעספּעקטירט דער יובילאַר איז, ווייל אין אים האָט מען אַ האַרציקן חבר און פריינט.

אָנגעפירט מיט דער פייערונג האָט דער דינאַמישער פּראַ־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, אברהם ראָכווערגער, וועלכער

האָט געזאָגט, אַז ס'איז נאַטירלעך עס זאָל הערשן א פריילעך געמיט, ווייל קאָפּל מיזשעריצקי איז דער פּראָטאָטיפּ פון יידישן פאָלקסמענטש, וואָס איז געקומען קיין אַרגענטינע און אָנגעהויבן די ברכהדיקע אַקטיוויטען אויפן שול־געביט און מיטן ווערן אַקטיוו אין פאַרבאַנד, איז צוגעקומען א נייער כוח, וואָס האָט נאָך מער סטימולירט צו נייע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען.

דער פאָרזיצער הערש קויאַווסקי האָט אַרויסגעהויבן דעם באַערטן מיט זיין ערלעכקייט, גוטסקייט וואָס פירט דורך זיין אַרבעט בשלימות און העלפט לייזן אלע שווערע ענינים אויפן בעסטן אופן מיט ראַט און מיט טאַט, ווייל דער פאַרבאַנד איז זיין צווייטע היים.

דער פּערזענלעכער חבר ד"ר טוביה קאַמענשיין האָט אין זיין וואָרט אונטערגעשטראָכן, אז קאָפּל מיזשעריצקי געהערט נישט נאָר צום פאַרבאַנד, נאָר צום גאַנצן ישוב, ווייל ער איז געקומען מיטן פּיאָנערישן גייסט און די חלוצישע ארבעט טוט ער ביזן היינטיקן טאָג לטובת דעם גאַנצן ישוב. פיל מאָל איז ער געווען א פאָרשטייער פון דער "עבודה" באַוועגונג אין קהילה־ראט און פארשאַפט פיל כבוד דער באַוועגונג.

דער פּערזענלעכער פריינד מלך פרידמאַן האָט דערקלערט, אז דער באַערטער איז באַשאָנקען מיט א סך מעלות און מידות טובות, וואָס ער באַווייזט מיט זיין אַרבעט אין פאַרבאַנד. אין אַלע דערפאָלגן האָט ער אַ גרויס חלק און מיר שאַצן אים אָפּ מיט דער גרעסטער אויפריכטיקייט. דאָס איז דער שענסטער פאַרמעגן פאַר אַ געזעלשאפטלעכן טוער, וואָס טוט זיין אַרבעט מיט אַ סך אחריות און ערלעכקייט.

ווייטער קומען באַגריסונגען פון שרה צעסלער, וועלכע לייענט אויך א ליד צום כאַראַקטער פון דער באַערונג. עס באַגריסן נאָך: דער וועטעראַן פון פאַרבאנד מרדכי פרענקעל, אליעזר קליגסבערג, ישראל טעמפעלדינער פון די לובלינער לאנדסלייט, אלתר קאַפּלאָוויטש, דוד פינקוס, לייבל זילבערג, חיים גרודמאַן, בערקנאן קלאַראַ און דער קוזין צבי קאָסמאן.

רירנדיק זענען געווען די באגריסונגען פונעם זון מאוריסיאָ, איידעם ד"ר מאַנועל לאָבער און אין נאָמען פון אַלע אייניקלעך – דניאל מיזשעריצקי.

יעדער איינער האָט אויף זיין אופן ארויסגעבראכט דעם יובילארס פאַרדינסטן און אים געווונטשן, צוזאַמען מיט זיין האַרציקער און ליבער פרוי איטע, און דער גאַנצער משפחה א סך יאָרן פון געזונט און ווילזיין. אַן אָנדענק־מתנה האַבן צוגעטראָגן שימעלע פיינלאַנד און דוד פינקוס. אַן אָנדענק־פּערגאַמין אונטערגעשריבן פון אַלע אָנוועזנדיקע, צוגעטראָגן פון שרה צעסלער און לאה קוגעל און בלומען פארן באַערטנס פרוי – שרהלע פייפערמאַן און סאָפיא פינקוס.

די זינגערין שרהלע פייערמאָן האָט פאָרגעלייענט אירס א שאפונג און געזונגען אייניקע לידער פון איר רעפּערטואַר.

**(המשך אויף ז' 34)**

# יוכבד פרייד־פלומנקר – פעילת ויצ"ו למופת

את יוכבד פלומנקר הכרתי בשנת 1959, כשהצטרפה לויצ"ו רמת־גן והתרשמתי מאישיותה הנמרצת, מכֵנותה ורצונה העז לתרום מיכולתה למען הזולת. ליוכבד היה עבר ציוני בעיר לובלין, לפני עלייתה ארצה בשנת 1949. מיטב נעוריה היתה פעילה בתנועה הציונית.

רבות פעולותיה של יוכבד: ראשית – בשכונת רמת־שִקמה בר"ג, בין משפחות טעונות טיפוח, אשר עברו מן המעברות לבתי "עמידר". פעילות יום־יומית במשפחות ועזרה בכל ותמיד – הרוח החיה, אשר איננה מתעייפת מהעשייה.

לאחר מלחמת ששת הימים, מצטרפת יוכבד לארגוני מתנדבים, לפעילות בקרב משפחות שכולות, לפי פניית אגף השיקום.

גם פה היתה מן הראשונות לגיבוש קבוצות מתנדבות במסירות, האופיינית לה, בקרב המשפחות השַכולות.

פעילותה העיקרית היום – קליטת עולים מרוסיה. והיא כל כולה מסורה לפעולה זו שרבים העולם האומרים: "לולא יוכבד, מי יודע כיצד היינו נקלטים בארץ, על כל הקשיים העומדים לפנינו בראשית דרכנו".

למעשה, היא **מוסד**, כך מכנים אותה במחלקה לקליטה חברתית של משרד הקליטה. שם היא אירגנה כמאה מתנדבות ומתנדבים, העוזרים בקליטת העולים, כבר מהרגע הראשון שהם מגיעים לארץ. היא גם עזרה הרבה לעובדי המחלקה לקליטה ובעיקר – לעולים המחכים שעות רבות במסדרונות.

בסיפור אחד מני רבים בפעילותה הברוכה:

אשה צעירה חד־הורית הגיעה עם בתה בת ה־12, כשהאם אחרי ניתוח סרטן. יוכבד החלה לטפל בה וזה היה כָרוך בטיפול יום־יומי. הבדידות והמחלה של האם היו קשים מנשוא, אבל יוכבד עשתה הכל, כדי לעזור ולהקל על בדידותה הנפשית וקשייה הכלכליים. היום המשפחה מסודרת בדירה ובעבודה. אין לי ספק, שלולא מסירותה והתמדתה של יוכבד, משפחה כזאת היתה מתדרדרת בראשית דרכה בארץ.

קצר המצע מהשתרע על פעולותיה הרבות של יוכבד. אני מאחלת לה עוד שנים של עשייה ברוכה למען הזולת.

מי יתן וירבו רבים כמוה.

**חמדה ארצי**

# בנימין לובעלסקי – לאורעאט פון דעם דאווידסאָן ליטעראטור־פּרייז

**(פון די מאָטיוון פון דער זשורי, וועלכע ס'האָט אין בית לייוויק פאָרגעלייענט דער שרייבער און עסייאיסט שלמה וואָרזאָגער).**

בנימין לובעלסקי איז א מחבר פון צוויי ביכער: "יידן אין שפּאנישן בירגערקריג" און "ביים פארלאָשענעם פלאם". ווילט זיך באלד אין אָנהייב זאָגן, אז נישר נאָר וועגן א מחבר פון צוויי ביכער רעדט זיך, נאָר וועגן איינעם א מענטש פון פּוילן, וועמען ס'איז יונגערהייט ענג געוואָרן אין די ד' אמות פון יידישן לעבן און מיט דער האָפענונג אויף א שענערן און בעסערן מאָרגן, מיט פלאם און אמונה פאר יושר און גערעכטיקייט – האָט ער זיך געלאָזט קיין שפּאניע אין 1936, בעתן בירגערקריג. נאָך אן אקטיוון באטײַליקן זיך אין די קאמפן אין פארשפּילטן בירגערקריג – פראנקרייך, בעלגיע, אלזשיריע, תפיסה, ארבעט־לאגערן. אין 1949 צוריק אין פּוילן, אקטיוו אין די

teatrnn.pl

שפּיצן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. א פּאָליטישער מענטש, מיט א פּאַרטיי־סטאַזש, קעמפער, מאַרטירער, אידעיש קאָנסעקווענט – איז ער ווידער, ווי מ'זאָגט, ביי זיך אין דער היים, אין לאַנד פון זיין געבוירן.

און דאָ קומט די נייע ווירקלעכקייט, באַלד נאָכן איבערטרעטן די שוועל פון נייעם "סאָציאַליסטישן פּוילן". בנימין לובעלסקי איז נישט נאָר א שרייבער און באַשרייבער. ער איז א קעמפערישע נאַטור, וואָס האָט מיט לייב־און־לעבן זיך געשלאָגן מיט געווער אין האַנט פאַר אַן אמת פון א דור, וואָס האָט אויף די שלאַכטפעלדער פון דער וועלט אַוועקגעגעבן לעבנס. תפיסות, מאַסאַקרעס, הונגער־שטרייקן. ער איז געווען פאַרשיכורט פון א גלויבן, אַן אמונה פון וועלט־באַפרייער. יונגע מענטשן האָבן איבערגעלאָזט היימען, טאַטע־מאַמע, חברטעס, געליבטע – אַלץ מקריב געווען פאַר דער זאַך, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט אויף א זעקסטל טייל פון דער וועלט...

וואָס לובעלסקי האָט נישט דערגרייכט מיט דער ביקס, פּרוּווט ער איצט מיט דער פּען. און עס געלונגט אים. וואָדען? ער איז נישט קיין קאָרעספּאָנדענט, נישט קיין כראָניקער. ער קומט פון שלאַכטפעלד, פון וועלט־באַפרייערישע באַטאַליאָנען. די בעסטע און שענסטע יאָרן האָט ער דאָרט געלאָזט. מיט די בעסטע כוונות אהין אַוועק. זיין הייליקער חוב איז אַצינד צו דערציילן, אַרויסברענגען אַלץ וואָס ער און זיינס גלייכן האָבן איבערגעלעבט און איבערגעשטאָרבן. אפשר וועט ער דערמיט פאַרהיטן די קומענדיקע דורות פון באַגיין דעם זעלבן פעלער. ס'איז שוין נישט איינמאָל געזאָגט געוואָרן: די וואָס לערנען נישט פון דער פאַרגאַנגענהייט – דאַרפן דאָס זעלבע נאָך אַמאָל אַדורכמאַכן.

זייט באַגריסט, חבר לובעלסקי און זייט ווייטער שעפעריש מיט אייער ליטעראַריש־קולטורעלער, וויסנשאַפטלעכער און וויכטיקער אַרבעט.

---

## א בריוו פון ניו־יאָרק

איך וויל האַרציק באַדאַנקען מיין יוגנט־חבר פון דער אַלטער היים, משה זאַלצמאַן, וואָס האָט אין זיין גאַסטפריינטלעכער שטוב אין תל־אביב מיר דערמעגלעכט צו טרעפן זיך מיט א גרופּע חברים און פריינט פון לובלין. ביי געדעקטע טישן, צוגעגרייט כיד המלך, האָט מען אין א פריינטלעכער, חברישער אַטמאָספער פאַרברענגט מיט זכרונות און שמועסן, וועלכע האָבן אונדז צוריקגעפירט צו די יאָרן פון "אַרבעט, קאַמף, לערע און אידעאַלן". ס'איז פאַר מיר געווען א שטאַרקע, עמאָציאָנעלע איבערלעבונג צו טרעפן זיך אונטער איין דאַך (בעצם – **אויפן** דאַך פון זאַלצמאַנס וווינונג) מיט מרים און אברהם בורשטין, מיט חנה און יהודה זשיטאָמירסקי, מרים און יהושע דעמבין, גיטעלע עדעל און איר ברודער מאיר, מאַטלאַ, רבקהלע און דוד שטאָקפּיש (זע דאָס בילד).

דער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען דעם 2טן מאַי 1991. איך וועל לאַנג טראָגן אין זכרון די באַגעגעניש אין תל־אביב, וועלכע האָט מיר פאַרשאַפט א סך פאַרגעניגן.

**שלמה זינשטיין**



# מכתבים • בריוו • מכתבים • בריוו

## מעלבורן

צום באַדויערן, איז די לובלינער משפחה אין מעלבורן געוואָרן לעצטנס איינגעשרומפּן. אין משך פון די 2 יאָר זענען אַוועק אין דער אייביקייט אייניקע לאנדסלייט, נאָר מיר באַמיען זיך פּאָרצוזעצן אונדזער טעטיקייט, מיטן אדורכפירן יעדעס יאָר דעם אזכרה־אקט, ווי אויך דער אנטייל אינעם מגבית לטובת ישראל. אויף דעם געביט פארנעמען מיר דאָס ערשטע אָרט צווישן די לאנדסמאנשאפטן אין אויסטראַליע, א דאנק אונדזער פרעזידענט פריינט גאָלדבאַנד, וואָס האָט פאַרבינדונגען מיט פארמעגלעכע יידן. איך וויל אויך אונטערשטרייכן די אקטיווקייט פון דער פרוי מאַשע ווייַנער, וועמענס מאַן איז געווען א לובלינער. איר ענערגיע און איבערגעבנקייט דערמעגלעכן אונדז ווייטער צו פירן די טעטיקייט.

דעם 9טן מערץ ה. י. האָבן מיר אדורכגעפירט א דרינגענדיקן אַפּיל פאַר ישראל און אלע אנוועזנדיקע האָבן אויסגעדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט דער יידישער מדינה און אויך געזאַמלט א באַדייטנדיקע סומע פאַרן מגבית.

איך שיק מיט אונדזער פריינט א קאסעטע פון א ריי לובלינער אונטערנעמונגען אין ישראל, וועלכע איך האָב פאָטאָגראַפירט, בעת מיין וויזיט אין לאנד. ערשטנס, די יזכור־אקאַדעמיע אין בר־אילן אוניווערסיטעט, געווידמעט אונדזער יידישער לובלין; צווייטנס, די פייערונג אין בית לייוויק, ביים פאַרטיילן דעם ליטעראַטור־פּרייז א. נ. פון די באַלערס, מיט וועלכער ס'איז אויך פּרעמירט געוואָרן אונדזער דוד שטאָקפיש; דריטנס – א קורצער פילם פונעם באזוך פון מיר און מיין פרוי אין לובלין, באַגלייט מיט יידישע ניגונים פון דער אלטער היים.

איך לייג ביי א טשעק אויף 120 דאָלאַר פאַרן "קול לובלין".

**מאָטל טרייסטמאַן**

(אין א פריערדיקן בריוו שרייבט דער זעלבער):

איך שיק פאַרן "קול לובלין" אייניקע בילדער פון אונדזער אזכרה, וועלכע מיר האָבן אדורכגעפירט אין מעלבורן, ווי אויך דעם צוזאַמענטרעף לכבוד דעם פאַראייניקטן יידישן אַפּיל. בייגעלייגט א טשעק פון 100 דאָלאַר לטובת דער לאנדסמאנשאפט אין ישראל.

★

## טאָראָנטאָ

חשובע לאנדסלייט אין ישראל,

איך דערהאַלט דעם "קול לובלין", זייט ער האָט אָנגעהויבן דערשיינען מיט קנאַפּע 30 יאָר צוריק און פון דאָרט דערוויס איך זיך, ווי מען זאָגט, "פון די לײדן און פריידן" פון אונדזערע בני־עיר, וואָס לעבן אין דער דיאַספּאָרא און אין מדינת ישראל. דאָרט ווערט אויך דערציילט וועגן אונדזערע אומגעקומענע משפחות, די קרבנות פון די היטלעריסטישע רציחות. עס קומט אייך א יישר כוח פאַרן אונטערהאַלטן דאָס קול פון אונדזער לובלין. זייט געשטאַרקט אין דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט. בייגעלייגט א טשעק אויף 30 דאָלאַר, מיין יערלעכע באַשטייערונג פאַרן "קול לובלין".

צום נייעם יאָר ווינטש איך א שנה טובה אלע לובלינער יידן, מיט געזונט און פרייד.

**א. סלאָמאַ**

★

## פּאַריז

מיט טיפן צער און יראת הכבוד האָבן די פּאַרטשעווער און לובלינער יידן אין פּאַריז זיך פאַרזאַמלט אין גרויסן זאַל פון דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן, אָפּצוצייכענען די 48סטע יאָרצייט פון פאַרפייניקן און אויסראָטן די 6000 יידן פון פּאַרטשעוו און 45,000 יידן פון דער רומפולער היסטאָרישער שטאָט לובלין.

אין פרעזידיום זיצן די פאָרשטייער פון די צוויי געזעלשאַפטן, לובלינער פּרעזענלעכקייטן, דער פּאָרזיצער פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן מרדכי לערמאַן, און דער פּאָרזיצער פון דער פאָלקס־אַקציע יוסף זאַבערמאַן.

נאָכן אָנצינדן די זעקס סימבאָלישע ליכט, האָט דער חזן אַבראַנאַד אָפּגעריכט די געהעריקע תפילות, וואָס האָבן אַרויסגערופן טיפע עמאָציעס און דערמאָנונג און צוזאַמען מיטן עולם געזאָגט קדיש. דער שרייבער פון די שורות האָט אין זיין קורצן אַריינפיר דערמאָנט, אַז דער יזכור איז אויך פאַר די צענדליקער שטעט און שטעטלעך אַרום לובלין, וווּ העכער 250,000 יידן






**באזכרה לקדושי לובלין במלבורן, אוסטרליה ★ אויפן יזכור־אקט אין מעלבורן, אויסטראַליע**

האָבן געלעבט אין בליענדיקע יידישע קהילות.

דער סעקרעטאַר פון דער פאַרטשעווער לאַנדסמאַנשאַפט אברהם קאָסטאַ האָט אין זיין אַרויסטרעטונג דערמאָנט מיט ווייטיק און צער וועגן בעסטיאַלישן אומקום פון די 6,000 פאַרטשעווער יידן, וואָס האָבן דור דורות געשפינט דאָס אייגנאַרטיקע יידישע לעבן, נישט געקוקט אויף כסדרדיקע רדיפות, עקאָנאָמישע באָיקאָטן, פון וועלכע די קליינע שטעטלעך האָבן נאָך מער געליטן.

די געוועזענע ווידערשטענדלערין און דעפּאָרטירטע אין דעם טרויעריק באַרימטן לאַגער פּאַר פרויען ראַווענסברוק, פרוי טעשקע פּאָרשטעטער־קאָרמאַן, האָט אין איר אינהאַלטרייכן רעפעראַט אַרויסגעברענגט וועגן דעם חורבן־פעריאָד און וועגן לובלין פּאַרן חורבן, וואָס האָט געשפּרודלט מיט אינטענסיווקייט פון לעבן, נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע רדיפות און באַגרענעצונגען. אין שטאָט זענען געווען טעטיק געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, יידישע בענק, קלובן, חינוך־אַנשטאַלטן, ישיבות, בתי מדרשים, אַברייטע נעץ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ספּאָרט־קלובן, ביבליאָטעקן, פּאָליטישע פּאַרטייען, יוגנט אָרגאַניזאַציעס, אַ יידישע טאָג־צייטונג.

דער פּאַרזיצער פון דער פּאָלקס־אַקציע ביים פאַראייניקטן אַפּיל יוסף זאָבערמאַן גיט איבער אין זיין אַרויסטרעטונג וועגן זיין אָנטייל, צוזאמען מיט 70 גרויסע מנדבים, אין דער עקסקורסיע פון די, וואָס האָבן אויפגענומען אין בודאַפּעשט העכער 100 עולים פון רוסלאַנד און צוזאַמען מיט זיי געפלויגן קיין ישראל, און מיט וואָס פּאַראַ פרייד און זאָרגעוודיקייט זיי ווערן אויפגענומען אין דער מדינה. אָבער דאָס איינאָרדענען און געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, שאַפן אַרבעטס־פּלעצער, איז פאַרבונדן מיט מיליאָנען דאָלאַרן. ער מאַכט אַ רוף, אַז אַלע זאָלן אָנטייל נעמען אין דער דרינגענדיקער אַקציע לטובת דער עליה פון די סאָוויעטישע יידן.

נאָכן ווייזן אַ פילם, וואָס ד״ר שמחה ווייס האָט געמאַכט אין לובלין, איז די איינדרוקספולע 48־טע אזכרה געשלאָסן געוואָרן.

**משה זאלצמאן**



מזל־טוב דער משפחה פישמאן אין לאָס־אנזשעלעס, צו דער חתונה פון זייער זון מיט דער באשערטער



מזל־טוב דעם פּאָרפּאָלק ווייצענפעלד אין מיאמי, צו זייער ״גאָלדענער חתונה״



מינצ׳ה יעקובוביץ ומוטל דינער בערב אזכרה בסאן־פאולו (ברזיל)
מינטשע יאקובאָוויטש און מאָטל דינער אויף דעם יזכור־אקט אין סאן־פאולאָ

# נייע לובלינער און אומגעגענד ברענטש 360, אַרבעטער רינג

צו אלע לובלינער לאנדסלייט אין ניו יאָרק

To All Lubliner Landsleit In New York



## יזכור אקאדעמיע

## MEMORIAL GATHERING

לאמיר אייביק געדענקען, און קיינמאל נישט פארגעסן אונדזער חרוב געווארענע **לובלין.**

צום **44טען יארצייט** נאך די טויזענטער לובלינער קדושים, מענער און פרויען, אלעמען שוידערליך אומגעבראכט דארך די דייטשע מערדער, רופט דער **נייער לובלינער און אומגעגענט ברענטש 360 א**

**יזכור פארזאמלונג פאר זונטאג דעם 25טן נאוועמבער 1990**

**1:30 נאכמיטאג**

**BNAI ZION AMERICAN ISRAELI FRIENDSHIP HOUSE**

136 East 39th St., New York

**הרב הג׳ ר׳ דוד האלענדער שליט״א**

וועט אויפטרעטן מיט די פאסיגע תפילות

מיר פאדערן אויף אלע **לובלינער** און אומגעגעד צו קומען צום **יארצייט און אפגעבען כבוד צו אונזערע געפאלענע קדושים.**

**די עקזעקוטיווע**

Dear Landsman:

The New Lubliner and Vicinity Br. 360, W.C. requests you to participate in the **ANNUAL MEMORIAL GATHERING** to pay your respect to the thousands of Landsleit Men, Women and Children who were annihilated by the Nazi regime,

**on Sunday, November 25, 1990 — 1:30 P.M.**

**BNAI ZION AMERICAN ISRAEL FRIENDSHIP HOUSE**

136 E. 39th Street, New York

We cannot permit the bloodshed and holocaust of those terrible days and years to be forgotten.

**RABBI DAVID HOLLANDER**

will officiate in a special **MEMORIAL PROGRAM**

Children of the **SECOND GENERATION** will participate.

**Harry Fruchtman,** Chairman **Regina Mitelman,** Secretary **Shirley Warman,** Treasurer

הזמנה לאזכרה בניו־יורק ● פארבעטונג צו דער אזכרה אין ניו־יאָרק

**(סוף פון ז׳ 30)**

צום סוף האָט דער באַרטער מיט פיל עמאָציע געמאַכט א קווערשניט פון זיין לעבנסוועג אין זיין חיימשטאָט לובלין – די שטאָט פון תורה און חכמה, פון אַרבעט און קאַמף, זיין דער ציאונג און זיין פאָרמירונג אין דער לינקער פועלי ציון פארטיי, און מיט דעם באַגאַזש איז ער אין די דרייסיקער יאָרן אָנגעקומען קיין אַרגענטינע. רירנדיק האָט ער געשילדערט זיינע רייזעס צוזאַמען מיט זיין פרוי קיין פוילן אויף קבר אבות, באַזוכנדיק זיין היימשטאָט, און די טויט־לאַגערן ווי אויך וואַרשע, לייגנדיק א קראַנץ־בלומען ביים מאָנומענט, אין נאָמען פון פאַרבאַנד. ער רעדט אויך וועגן זיינע באַזוכן אין מדינת ישראל, אָנטייל נעמענדיק אין אייניקע כינוסים.

שטיל און באשיידן דאנקט ער אַלעמען פאר דער חברישער אָפּשאַצונג און ספּעציעל דעם דינאַמישן טוער אברהם ראָכווערגער.

געשלאָסן די מסיבה האָט אברהם ראָכווערגער, באַדאַנקנדיק די קינדער פאַר זייער שיינער באַשטייערונג פאַרן פאַרבאַנד. און געווונטשן אַלעמען זיך צו טרעפן אין בעסערע צייטן, ביי אַזעלכע יום־טובדיקע מסיבות.

("די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, 25.6.91)

# די ארבעטן ארום דעם ווידעאָ־פילם
# וועגן דער יידישער לובלין

זענען אין פולן גאנג. אין א קאסעטע פון אן אנדערהאלבן שעה, וועט אין וואָרט, שריפט, בילד און קלאנג דערציילט ווערן וועגן דער אנטשטייאונג, אנטוויקלונג און אומקום פון דער אלטער היים.

**מיר בעטן די קאָמיטעטן פון די לאנדסמאנשאפטן, ווי יחידים צוצושיקן נאָר**

**בילדער פון דער פארוואלטונג אין די אכציקער יאָרן, ווי אויך בילדער פון דענקמעלער, שילדן־אויפשריפטן אויף אינסטיטוציעס, אויפגעשטעלט צי געשטיצט פון לובלינער אָרגאניזאציעס און פריוואטע פערזאָנען, יידן פון לובלין.**

## אונדזער אדרעס:

| | |
|---|---|
| GOLDBERG FOUNDATION | קרן גולדברג |
| FOR THE PREPARATION OF A VIDEO FILM | להכנת סרט־וידיאו |
| "THE JEWISH LUBLIN" | "לובלין היהודית" |

Tel-Aviv, P.O.B. 6375 ISRAEL — 61063 ת.ד. 6375, תל־אביב

## רעטונג־אקציע פאַרן "קול לובלין"

צוליב דער שווערער פינאנסיעלער לאגע, האָבן מיר פּראָקלאמירט א רעטונג־אקציע פאַרן "קול לובלין", כדי צו דערמעגלעכן ארויסצוגעבן דעם נומער 27 פון אונדזער יערלעכער צייטונג, וועלכע איז באליבט ביי די לאנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות. דער אָפּרוף איז געווען, ווי איר זעט פון דער ווייטערדיקער רשימה – און יעדער איינער וועט דאָס אָפּשאצן, ווי ער פארשטייט. נאָר פאר אלעמען ווילן מיר דאנקען די אלע, וואָס האָבן געגעבן זייער ביישטייער צו דער אקציע און דערמעגלעכט דאָס נאָרמאלע דערשיינען פון נאָך א נומער "קול לובלין".

נאָכן באקומען די צייטונג, בעטן מיר אונדזערע בני־עיר זיך אָפּצורופן מיט גרעסערע באשטייערונגען, פון לאנד ווי פון אויסלאנד, כדי נישט דארפן ווידער אמאָל פּראָקלאמירן א מגבית.

**פון אויסלאנד** האָבן די ערשטע זיך אָפּגערופן:

| | | |
|---|---|---|
| יוסף זאָבערמאן, פאַריז | 500 | דאָלאר |
| מ. גארטענקראוט, ניו־יאָרק | 500 | דאָלאר |
| ראובן ראָסעט, סאן־פאולא | 400 | דאָלאר |
| גיטעלע עדעל, פאַריז | 500 | פראנק |
| נחמן גורפינקעל, מינכען | 30 | דאָלאר |

**און פון ישראל:**

| | | |
|---|---|---|
| סימה און שמואל מאנדעלסבערג | 250 | ש"ח |
| גרינשפאן פישל | 150 | ש"ח |

**צו 100 ש"ח**

י. אכטמאן, א. איינשטיין, חוה עדעלשטיין, אסתר אידלסון, אלסטער, שרה ביטער, אברהם גיווערץ, חוה גאָלדמינץ, משפחת האלבעסבערג, אליהו הערץ, משה וואָרמאן, אריה זאנדשטיין, אהרון טרייסטמאן, טובה לאנגער, בלומה ליבהאבער, שמעון לאור, ב. לובעלסקי, דוד מיטלמאן, אסתר פערלמוטער, יוכבד פלומענקער, בראָניא פרידמאן, ברכה צווייקהאפט, שמואל רובינשטיין, פאמיליע ראַזנבוש, ראזנשער אברהם, רחמן סופיה, אברהם שינדלמאן, משה גערשטענמאן, אברהם הרמן, האָכבערג־יוכטמאן.

**צו 80 ש"ח**

בק דוואנה.

**צו 50 שקל**

משפחה ערליך, יעקב האָלצמאן, ווייס באָריס, שמואל זיסבערג, פאמיליע ניישטיין, משה צוקערפיין, משפחה קאָפּעלמאן, באלטשע שטיצער־פינקערט, י. גראנאטשטיין, משה מאנדעלמילך, שמעון ורדי־ראָזנבאום, משה רידעל, משפחת שרייבמאן, מרים שניידער.

**צו 35 ש"ח** – יעקב אקערמאן, אהרון קאווע.

**צו 30 ש"ח**

מלכה קאָזלאָווסקי.

**צו 25 ש"ח**

רעגינא בהיר, בת־עמי בלאטמאן, יעקב האָראָוויץ.

**צו 20 ש"ח**

חנה באס.

**א צייטונג איז אינטערעסאנט צו לייענען – נאָר מ'דארף אויך פאר איר באצאָלן. אין דעם פאל, מיינען מיר אונדזער "קול לובלין".**

## תרומות של חברי הוועד ל"מגבית קול לובלין" באשטייערונג פון די קאָמיטעט־מיטגלידער

| | |
|---|---|
| יהושע גאָלדבערג | 500 ש"ח |
| אובליגנהרץ צשה ואריה | 100 ש"ח |
| אורטמן מארק | 100 ש"ח |
| ד"ר בן־טובים נתן | 100 ש"ח |
| גוטליב אירית וירמיהו | 100 ש"ח |
| ווסונג משה | 100 ש"ח |
| וייסלפיש־דסקל צפורה | 100 ש"ח |
| הורן מתתיהו | 100 ש"ח |
| זלצמן משה | 100 ש"ח |
| טרכטנברג־פישר צשה | 100 ש"ח |
| לסקובסקי אברהם | 100 ש"ח |
| שטוקפיש דוד | 100 ש"ח |
| שריפט אלכסנדר | 100 ש"ח |

## רשימה פון באשטייערונגען לטובת דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

**אין דאָלארן**

| | |
|---|---|
| לובלינער און אומגעגנט אָרג., טאָראָנטא | 300 |
| לובלינער אָרגאניזאציע אין מאָנטרעאל | 250 |
| שלמה מושקאט, ליל־תל־אביב | 200 |
| פאמיליע טרייסטמאן, מעלבורן | 120 |
| דוד ס. גרינפעלד, מאָנטרעאל | 100 |
| פאָלא מארגוליס, ניו־יאָרק | 100 |
| פאמיליע רובין, ניו־יאָרק | 50 |
| פאמיליע אקערמאן, שטאָקהאָלם | 50 |
| פאמיליע ווייצענפעלד, מיאמי | 50 |
| א. סלאָמא, טאָראָנטא | 30 |
| פאמיליע שנור, לאָס־אנזשעלעס | 25 |
| פאמיליע פישמאן, לאָס־אנזשעלעס | 25 |
| פאמיליע שמן, טאָראָנטא | 25 |
| פאמיליע צווייקאפט, מאָנטרעאל | 25 |
| ה. פ. האלבער, מיאמי | 20 |
| א. גלעדמאן, סאן־פראנציסקא | 18 |

**אין פראנצ. פראנקן**

| | |
|---|---|
| קאָמיטעט פון פאר. קינדער פון לובלין | 1,500 |
| טעשקע פאָרשטעטער, פאריז | 300 |
| משה זאלצמאן, פאריז | 100 |

**אין שקלים**

| | |
|---|---|
| לובא און משה קאָרן | 6,000 |
| (פאר נויטבאדערפטיקע משפחות, אין די יאָרן 92־1991) | |
| שרה און מאנפרעד פרענקעל, אנטווערפען | 1,000 |
| העניא בארנשטיין, תל־אביב | 200 |
| פאמיליע ראזענבוש, גבעתיים | 50 |
| א. לוסטיגער, בת־ים | 50 |
| פאמיליע וואגשול, רמת־גן | 50 |

## יד ושם, רשות הזיכרון לשואה ולגבורה – ירושלים.

לכ' **מתתיהו הורן**, יו"ר ארגון יוצאי לובלין בישראל.

לאחר גלגולים רבים, הגיעה סוף־סוף לידינו חוברת מס' 24 של הפרסום **קול לובלין** (מנובמבר 1988). לפיכך נתאפשר לנו רק עתה להודות לך מקרב לב על תרומתך החשובה ליד־ושם.

זוהי החוברת הראשונה של **קול לובלין** המוצאת את דרכה אלינו, ולאחר שעיינו בה, נוכחנו לדעת כי יש בפרסום זה משום עניין לציבור קוראינו, המחפשים חומר על קהילת לובלין שנכחדה בשואה.

נהיה איפוא אסירי תודה אם תימצא דרך להעמיד לרשותנו את הגליונות הקודמים של פרסומכם, ולשלוח לספריית יד־ושם גם את אלה שיופיעו בעתיד.

27.10.90 **אורה אלקלעי,**
מנהלת הספרייה

★

בימים אלה קיבלנו, לשמחתנו, את החוברות מס' 23 ו־26 של הפרסום: **קול לובלין**, ואנו מודים לך מקרב לב על היענותך האדיבה לבקשתנו.

שאלתנו היא – האם ניתן עדיין לאתר עבורנו חוברות קודמות של פרסום חשוב זה, ממס' 1 ועד מס' 23, וכן את החוברת מס' 25. אם יתאפשר הדבר, נוכל להעמיד לרשות ציבור הקוראים אוסף שלם של בטאונכם, ולסייע בכך לחוקרים ולתלמידים המבקשים להתעמק בתולדות הקהילה.

בברכת "יישר כוח" על פעילותכם להנצחת יהדות לובלין שאבדה בשואה.
20.12.90

★

רב תודות לך, על שטרחת ואיתרת עבור ספריית יד־ושם כמה מגליונות **קול לובלין**, מאלה שביקשנו במכתבנו הקודם. החוברות יועמדו לרשות ציבור קוראינו, שישמח בוודאי לכל מידע על קהילת לובלין ובניה בישראל.

למען החוקרים והסטודנטים המבקשים חומר על לובלין, נקווה שבמרוצת הזמן תימצאנה יתר החוברות החסרות אצלנו – מס' 1־14, 16, 18־23.
10.2.90

## מרכז חינוך ליאו באק בע"מ

**ת.ד. 6283 חיפה 31062 (רח' אדמונד פלג 20, הכרמל הצרפתי) טל. 04-331080**
**בית ספר ליאו באק ● מרכז קהילתי ע"ש להרמן ● בית כנסת אהל אברהם**

חיפה, כ"ג באייר תשנ"א, 7.5.91

לכבוד מר מתתיהו הורן,
יו"ר ארגון יוצאי לובלין,
רח' דיזנגוף 158, תל־אביב

ברצוני להודות לך על מכתבך מיום 21.4.91.

אתמול יצאה משלחת תלמידים מבית ספרנו לפולין לביקור של שבוע ימים ויהיו גם בלובלין. כאשר ישובו, יתעדו התלמידים את חוויותיהם בכתב ובצלום. נשמח לשלוח חומר זה לבטאונכם.

שמחתי לשמוע שאתם ממשיכים במסורת של מתן מלגה לתלמיד בית ספרנו, ואנו מקבלים זאת בתודה.

**צעירה טריפון**
מנהלת החטיבה העליונה

★

חיפה, 26.5.91

קבלתי בתודה את מכתבך עם ההמחאה ע"ס ־.500 ש"ח. רצ"ב הקבלה. השתמשנו במתנתכם לעזרת תלמידים בהוצאות על הנסיעה לפולין.

החוויה היתה בלתי נשכחת. וכפי שהבטחנו תקבלו כתבה לעלון שלכם על הסיור הזה. ע"פ התכנית היו התלמידים צריכים לסייר בלובלין ולבקר בישיבת חכמי לובלין לשיחה על מוזיקת השואה, אבל, למרבית הצער, בגלל שיבוש בתכנית הגיעו התלמידים לעיר עם חשכה והספיקו רק ללון שם.

העתק: מירי וולף, המורה המלווה של המשלחת לפולין, תשנ"א.

★

## ארגון יוצאי לובלין בישראל

תל־אביב, דיזנגוף 158 18.6.91

לכב' גב' צעירה טריפין־אבן,
מרכז חינוך ליאו באק בע"מ
חיפה

גב' טריפין היקרה,
הנדון: הביקור בפולין.
הנני מאשר את קבלת מכתבך מיום 26.5.91. קראתיו בעיון רב. אני מתפלא על התנהגות המורה מירי וולף, או של מארגני הסיור. אני רואה אותם כבלתי אחראים.

25 שנה אנחנו בקשר תמידי עם בית ספרכם וממשיכים במסורת מתן מילגות לתלמידים במגמה להנציח את זכר יקירינו, בני עיר לובלין, שניספו בשואה, ולהחדיר לליבות ילדינו את משמעות השואה. אלה הם דברי ד"ר פ. דניאל, שכתב בחוברת "קהילת לובלין", שהוצאה בשנת 1971 ע"י בית־ספרכם בהנהלתו של המחנך אריה שטינברג ובעזרתי: "עם ישראל הירבה תמיד לחקור את עברו, כמו שכתוב: זכר ימות עולם בינו שנות דר־ודר שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו – לך" (דברים לב ז). אמנם לא תמיד אוהבים תלמידינו את לימוד ההיסטוריה על עמנו בגולה, אבל לאנשי חינוך ברור, שבלי ידיעה מעמיקה בתולדות עמנו אין אפשרות להבין את תקומת ישראל בארצו, והקמת מדינת ישראל מובנת אך ורק על רקע השואה שפקדה את יהדות אירופה בימי מלחמת העולם השניה. לכן על המורים להיסטוריה להחדיר לתלמידים את משמעות השואה בשביל עמנו.

להיות בלובלין ולא לבקר בבית הקברות העתיק, בישיבת חכמי לובלין, במחנה ההשמדה מאידאנק ועוד בהרבה מקומות אחרים – זאת ממש שערוריה! כל הסיפורים והתירוצים שבגלל שיבוש התכנית לא יצאה לפועל ויכלו רק ללון – כל זה אינו מקובל עלי, זה מעשה שלא ייעשה!

בכבוד רב, **מ. הורן,**
יו"ר אירגון יוצאי לובלין

העתק: גב' מירי וולף, המורה המלווה של המשלחת לפולין

★

## בית ספר ליאו באק ●

**מרכז קהילתי ע"ש להרמן ● בית כנסת אהל אברהם**

חיפה, 24.6.91

לכבוד
מר מתתיהו הורן – יו"ר

צר לי מאד על אי ההבנה שחלה בענין תכנית המשלחת של תלמידינו לפולין. אתה מתרעם עלינו שלא בצדק ובמילים חריפות שאינן מגיעות לנו.

משלחת התלמידים לפולין איננה מאורגנת ע"י ביה"ס. אגף הנוער של משרד החינוך הוא המארגן אותה, ובית ספרנו, בין בתי ספר אחרים, שולח מידי שנה קבוצת תלמידים, אשר הבקור הזה בשבילם הוא משמעותי עד מאד. לפני צאת המשלחת ידענו שבתכנית המארגנים להגיע ללובלין, ועל כן מצאתי לנחוץ לספר לך ואף להבטיח שתלמידים ימציאו לכם עם שובם כתבות לעלון הקהילה ובהן התרשמותם מן הבקור.

לצערנו הרב, וכמובן לא בשליטתנו, הגיעה המשלחת עם שעות הערב ללובלין ומסיבות בטחוניות אי אפשר היה להסתובב בה, או להגיע לבית הקברות. הפגישה בישיבה כן התקיימה, מסתבר, בערב וניתנה בה הרצאתו של ד"ר משה הוך אודות מוסיקת השואה. גם במחנה ההשמדה מיידנק היו התלמידים ולמותר לציין עד כמה התרשמו.

אנחנו מקדישים זמן **רב** מעבר לתכניות **הלמודים** **הרגילות** בהסטוריה ובספרות לנושא השואה בסמינרים, משלחות, טקסים, מפגשים עם נצולים, קריאת ספרות, ודבריך הבלתי מדויקים פוגעים קשה בנו בליאו־באק ובמחנכים רבים וטובים במדינת ישראל. כעסך אינו מובן ואינו מבוסס. מפגש אחד עם התלמידים והמורים ועיון בעבודות שהם כותבים עם שובם, היה מבהיר לך את טעותך המצערת.

**צעירה טריפון־אבן**
מנהלת החטיבה העליונה

★

25.7.91

גב' טריפון היקרה,
הנני לאשר את קבלת מכתבך מיום 624/ש.ז.
לאור מכתבך הנ"ל מתברר שאחראי לתכנית ולאירגון הסיור בפולין הוא אגף הנוער של משרד החינוך. חבל שבמכתבך מיום 25/5 ש.ז. לא צויינה עובדה זו, מה שהיה מונע אי־הבנה בינינו.

אנו יודעים ומוקירים את מעשיכם לשם הגברת התודעה בנושא השואה: בסמינריונים, מפגשים עם ניצולי השואה, באזכרות השנתיות של יוצאי לובלין וכו'.

נמשיך במסורת מתן מילגות לתלמידי בית־ספרכם כפי שעשינו זאת עד כה. ואם באמצעות ביקורי הנוער במחנות ההשמדה הצלחתם להחדיר ללבות בני דורנו מהי השואה ולמה חשוב לשמור על מדינתנו – הרי שהשגנו את המטרה.

בברכה, יו"ר האירגון
**מ. הורן**

העתק: גב' מירי וולף, המחנכת שליוותה את הקבוצה.

★

## בית הספר עלומים

**חטיבת הביניים – משרד החינוך והתרבות המועצה המקומית רמת השרון**
**סיון תשנ"א, 23.5.91**

לכבוד מר הורן
יו"ר ארגון יוצאי לובלין
ברצוני להודות לך בשמי ובשם כל תלמידי ומורי חט"ב "עלומים" על השתתפותך ותרומת הקהילה במופע הספורט השנתי של חט"ב "עלומים" ברמה"ש.

הקשר עם ארגון יוצאי קהילת לובלין יקר מאד ללבנו, ואנו רואים בקשר זה את רצף הדורות ביניכם יוצאי הקהילה באירופה לבין בני הנוער הלומדים בחטיבת "עלומים".

לשנים ארוכות וטובות ולהמשך הקשר המבורך.

בברכה: **אילנה דן,**
מנהלת בית־הספר

## בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי

לכבוד **ארגון יוצאי לובלין בישראל**

אני פונה אליכם בזה בבקשה למסור לבית הספרים, בהתאם לחוק, **שני עותקים** מכל אחד מן הפרסום(ים) שיצא(ו) לאור על ידיכם. קול לובלין: שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל. מן הגליון הראשון שיצא לאור ואילך בשני עותקים. אם חדל הפרסום להופיע, הואילו נא לשלוח לנו את כל השנתונים שיצאו לאור ולהודיענו על כך.

החוק לתיקון פקודת העיתונות תשי"ג־1953 (שפורסם בספר החוקים, חוברת מס' 118, כ"ז בשבט תשי"ג 12.2.53) מחייב כל מוציא לאור בישראל למסור לבית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי שני עותקים של כל פרסום שהוא מוציא בתוך חודש מיום צאתו לאור.

לבית הספרים, וגם למו"ל, יש עניין בכך, שפרסומים חדשים יימסרו לבית הספריים מוקדם, שכן סמוך לאחר מסירתם הם נרשמים ברבעון הביבליוגרפי של בית הספרים "קרית ספר". רבעון זה, המופץ ברחבי תבל, משמש לרבים כלי מידע ראשוני באשר לחיבורים המתפרסמים בישראל, והם מתכננים את רכישותיהם לפיו.

בתודה מראש ובכבוד רב
**מחלקת העתונות**



**בטקס חלוקת המלגה של ארגון יוצאי לובלין לתלמידי בי"ס "עלומים", שאימץ את קהילת לובלין**
**די פייערונג פון פארטיילן די סטיפענדיע פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט א שילער פון "עלומים", די שול וועלכע האָט אדאפטירט די לובלינער קהילה**

# לזכרם • צום אָנדענק

**אין טיפן צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגן דער פטירה פון אונדזערע בני־עיר אין לעצטן יאָר. טיפער מיטגעפיל און טרייסט די פאַריתומטע משפחות. איר זאָלט מער נישט וויסן פון קיין צער.**



## ד"ר אלחנן הורוביץ ז"ל

נולד בינואר 1901. הגיע לשיבה טובה. הוא זכר היטב את ביקורו של הצאר בלובלין, שהיתה אז תחת השלטון הרוסי, את המהפיכה של שנת 1905 ואת מלחמת יפן. זכרו של ד"ר הורוביץ נשאר צלול עד סוף ימיו. ראייתו הרשתה לו לעלעל בדפים מצהיבים של עיתונים ישנים, שבהם כתב לפני יובל שנים. כבר בשנת 1932 כתב ב"דואר היום", עיתונו של איתמר בן־אבי.

לפני שנתיים, כשהורוביץ סיים את תפקידו ככתב ב"על המשמר" בעניני הון וכלכלה, ערכו לכבודו מסיבה בבורסה. בהזדמנות הזכירו לו בין השאר מאמר שכתב ב־1935 על חשיבות ניירות הערך לפיתוחה של הכלכלה במיגזר היהודי בארץ. כפנסיונר היה ד"ר הורוביץ מלא מרץ והמשיך לכתוב מאמרים ב"על המשמר".

אביו של אלחנן עסק ביצוא חיטה מרוסיה. היה איש אמיד ואוהב ספר. ב־1915 כבשו האוסטרים את העיר לובלין ועסקיו של האב נהרסו. לכן נאלץ לעבוד, כדי לשלם את שכר־הלימוד. תחת הכיבוש האוסטרי נוסדו גימנסיה פולנית ועברית, במקום הגימנסיה הרוסית. אלחנן בחר בגימנסיה העברית. היה חופש פוליטי והורשתה התארגנות יהודית. אלחנן הצטרף לתנועת הצופים, ואח"כ לשומר הצעיר. בגימנסיה הכיר את רעייתו לעתיד, צופיה. המלחמה הסתיימה ובשנת 1920 אלחנן נסע ללמוד כלכלה בווינה. את הדוקטורט קיבל בשנת 1926. צופיה למדה כלכלה באותה הפקולטה וגם היא קיבלה תואר דוקטור. בשנת 1929 חזרו ללובלין והתחתנו.

כאזרח פולני נאלץ ד"ר הורוביץ להתגייס לצבא. רק בשנת 1923 הצליח להגשים את חלומו ולעלות ארצה. אחרי 3 שנים, הצטרפה אליו אישתו ובתו שולמית הקטנה.

ד"ר הורוביץ החל לפרסם מאמרים כלכליים ב"על המשמר" ב־1968. הוא סקר במשך שנים את הנעשה בבורסה במסגרת מדור יומי "גלגלי הבורסה" ופרסם רשימות רבות על התפתחויות ומגמות בכלכלה הבינלאומית. מאמרו האחרון פורסם ב"על המשמר" כשבועיים לפני מותו.

ד"ר הורוביץ היה זקן העיתונאים הפעילים בארץ. דמותו המיוחדת במינה תחסר לרבים.

הובא למנוחת עולמים בבית העלמין בחולון.

ד"ר אלחנן הורוביץ היה איש עדין נפש, בעל אינטליגנציה גבוהה ופיקחות מעשית. השתתף באופן פעיל בכל האירועים של אירגון יוצאי לובלין. בצער ויגון נפרדים ממך, אירגון יוצאי לובלין, ומרכינים ראש על קברו הרענן. נזכור אותך כבן־עיר יקר וידיד נאמן. אנו משתתפים בצער המשפחה. הניח אשה, בת ושני נכדים.

**מתתיהו הורן**
**(דברים על קברו)**

## שלמה שטאָקפיש ז"ל



נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקער קראַנקייט, איז אין חיפה נפטר געוואָרן שלמה שטאָקפיש. געבוירן אין לובלין מיט 85 יאָר צוריק, אין אַ טראַדיציאָנעל יידישער משפחה, דער בכור פון פיר זין און דריי טעכטער. אין עלטער פון 22 יאָר, איז ער אומלעגאַל עולה קיין ארץ־ישראל, נאָך די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז גורם דערצו, ער זאָל זיך אומקערן קיין פוילן. ער שליסט זיך אָן אין דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין לובלין, אָבער נאָך עטלעכע יאָר, ווערט ער מיטגעריסן מיטן אַלגעמיינעם ראַדיקאַליזאַציע־שטראָם ביי דער יידישער יוגנט און טרעט אַריין אין דער אומלעגאַלער, קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נאָך פאַר דעם, איז ער פאַרוואַלטונג־מיטגליד פונעם האָלץ־אַרבעטער פאַריין און סעקרעטאַר פון לינקן ספּאָרט־קלוב "וויעניאַווא". אין יאָר 1937 ווערט ער אַרעסטירט און מיט אַ יאָר שפּעטער – פאַרמשפּט אויף 4 יאָר תפיסה.

זיין באַפרייען זיך פון לובלינער "זאַמעק", נאָכן שרעקלעכן באָמבאַרדירן די שטאָט דורך דער דייטשישער אַוויאַציע דעם 9סטן סעפּטעמבער 1939, ווי זיינע איבערלעבונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די מלחמה־יאָרן, אויך אויפן פראָנט, שילדערט ער אין זיין בוך "אין ראָד פון צאָרן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1975, אין פאַרלאַג "ישראל־בוך". און מיט 2 יאָר שפּעטער – אין דער העברעישער איבערזעצונג.

שלמה שטאָקפיש האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן פון דער צענטראַלער פּאָסט אין חיפה, אויך געווען טעטיק אין מפם און אינעם פענסיאָנערן־קלוב פון די פּאָסט־אַרבעטער.

פון יאָר 1949 געווען קאָמיטעט־מיטגליד פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די לובלינער טעטיקייטן אין חיפה און צפון פון לאַנד. אויך מיטרעדאַגירט דעם "קול

לובלין", ווּ ס'זענען דערשינען זיינע דערינערונגען פון דער אלטער היים.

מיט זיין טויט איז אַוועק אין דער אייביקייט אן ערלעכער אַרבעטס־מענטש, אן אידעאַליסט, אַ טרייער, איבערגעגעבענער מאַן, פאָטער און זיידע. ער האָט פאַריתומט צוויי טעכטער, איידעמס, 6 אייניקלעך, אַ שוועסטער און ברודער מיט זייערע משפחות.

כבוד זיין אָנדענק.

**א.ב.**



## אַנקאַ בראַם ז"ל

די לובלינער און אומגעגנט סאָסייטי אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, האָט געליטן אַ שווערן פארלוסט, מיטן אוועקגיין אין דער אייביקייט פון דער דורך אלעמען געשעצטער און באליבטער אַנקאַ בראַם, וואָס איז נפטר געוואָרן דעם 28סטן מערץ 1991, אין עלטער פון 78 יאָר.

אנקא איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אנגאזשירט אינעם גרינדן די לאנדסמאנשאפט מיט העכער 37 יאָר צוריק און שפעטער געזאָרגט דערפאר, אז מ'זאָל אויך אריינעמען אין דער אָרגאניזאציע יידן פון שטעט און שטעטלעך פון לובלינער אומגעגנט.

א סך יאָרן האָט זי פארנומען דעם אמט פון סעקרעטאר פון דער סאָסייטי און די דאָזיקע ארבעט אויסגעפירט מיט א סך ליבשאפט און אחריות. זי האָט אוועקגעגעבן א סך שעהן פאר די לובלינער, געווען זייער טיכטיק ביים איינאָרדענען אונדזערע מיטינגען, צוזאמענטרעפן און אנדערע אונטערנעמונגען. זי האָט געפירט א שטיל, באשיידן און ערלעך פאמיליע־לעבן, אינטערעסירט זיך מיטן גורל פון אנדערע און גאנץ באזונדערס – מיט די שטעטישע יידן, דערלאנגט הילף דאָרט, ווי מ'האָט זיך אין איר געניייטיקט.

פון אירע באשיידענע אָפּשפּאָרונגען, האָט אנקא געהאלטן פאר נייטיק ארייננצושרייבן אין איר צוואה, אז טויזנט דאָלאר זאָל מען געבן דער לובלינער און אומגעגנט סאָסייטי אין טאָראָנטאָ, פאר וועלכער זי האָט אזוי פיל געלייסטעט ביים לעבן. די אלגעמיינע פארזאמלונג פון אונדזער לאנדסמאנשאפט האָט טאקע באשלאָסן איבערצושיקן די דאָזיקע סומע לטובת צה"ל, וואָס אנקא האָט אזוי שטארק געשעצט. די סאָסייטי האָט אויך באשלאָסן איינצוצאָלן פון דער קאסע א סומע געלט פארן יידישן שפּיטאָל פאר עלטערע מענטשן אין טאָראָנטאָ און דאָרט אויפקלאפּן א מעמאָריאל־פּלאַג אויף אַנקאַס נאָמען.

אנקא איז מער נישטאָ מיט אונדז, נאָר מיר וועלן נישט פארגעסן די דאָזיקע איידעלע געשטאלט און איר טרייע ארבעט לטובת דער געזעלשאפט.

כבוד איר אָנדענק.

**דער קאָמיטעט**



## ירחמיאל וויעזשכאָווסקי ז"ל

ירחמיאל וויעזשכאָווסקי, געבוירן אין לאָדזש אין יאָר 1908, איז אין חודש יולי 1991 נפטר געוואָרן אין בריסל, נאָך א לאַנגער און שווערער קראַנקייט. די מלחמה־יאָרן האָט ער איבערגעלעבט אין דער אָקופּירטער בעלגיע און אים איז געלונגען זיך צו ראטעווען מיט דער טאָכטער. נאָך דער באפרייאונג זיך פארבונדן מיט דער לובלינער יידישער טאָכטער רוזשע ראָזענבוש, וועלכע האָט זיך אויך אָפּגעראטעוועט פון די נאַציש נעגל מיט א זון און מ'האָט אויפגעשטעלט א משפחה, באקאנט אין יידישן ישוב אין בעלגיע.

דער פארשטאָרבענער האָט פאַריתומט א פרוי, קינדער, אייניקלעך און אוראייניקל. אויף זיין טויט טרויערן די משפחות: ראָזענבוש, בראַטשטיין, שטאָקפיש און צייגער.



## פעסאלע מושקאטבליט ז"ל

לפני חודש ימים הלכה לעולמה ידידתנו פסלה מושקט, אישה בעלת מרץ, השופעת חיים וחיוכים, חדורות אהבה לזולת ולמשפחתה.

דרך ארוכה, מלווה במאבק וביסורים, במיוחד בשנות מלחמת העולם השנייה, עברה פסלה בפולין, בארץ ובצרפת, בימי הכיבוש הנאצי. היא השתייכה לאותה שורה מפוארת של נשים צדקניות, המוגדרות בפולקלור היהודי "א יידישע מאמע", במובן החיובי של המלה – נשים, שקשיי החיים לא שברו אותן, ששמרו אימונים לערכים אנושיים, לאהבת ישראל, למדינת ישראל ולמשפחתה העניפה.

פסלה היתה סמל ודוגמא לאותם פשוטי־עם, שהתנהגותם, חברותם וידידותם עושים לך תמיד טוב על הנשמה. אהבנו אצלה את החיוך הלבבי, היחס האנושי והכנסת־אורחים הנפלאה. פתגם יהודי אומר: "ס'איז בעסער א שם טוב ווי אן אבן טוב" – נאָר פעסאלע האָט פארמאָגט ביידע, ממש ווי א סיאמער צווילינג. זי האָט נאָך זיך געלאָזן א גוטן נאָמען, שם טוב און אויך געווען אן אבן טוב – א גוטע נשמה, א ליבע, הארציקע יידישע פרוי, וואָס שטראלט מיט גוטסקייט, ווארעמקייט, מענטשלעכקייט.

געבוירן אין יאָר 1914 אין נאָוואָ־ראדאָמסק, פוילן. אלס 10־יאריק קינד עולה געווען מיט די עלטערן קיין ארץ־ישראל, ווו מ'האָט אדורכגעמאכט דעם שווערן, חלוצישן

וועג. אין יאָר 1930 ארויסגעפאָרן קיין פראנקרייך.

איר דערציילונג ווי זי איז ניצול געוואָרן פון די דייטשישע רוצחים, האָט ממש דערמאָנט אין א נס. ווי אזוי די געסטאַפּאָ־מערדער האָבן געזוכט אויסבאהאלטענע יידן אין פאריז און פעסאלע איז געווען פארשטעקט אין אויבערשטן צימער. ווען די מענטשן־יעגער וואָלטן ארויפגעגאנגען מיט זעקס טרעפּ העכער – וואָלט מען זי אנטדעקט.

די נאָענטע פריינט פון דער דאָזיקער איידעלער פרוי, האָבן זי געשעצט און באוווּנדערט. די תל־אביבער היים פון פעסאלען, און – אים צו לאנגע יאָר, איר מאן שלמה מושקאט אויף סמאָלנסקין 4 אין תל־אביב, איז תמיד געווען אָפן פאר חברים, פריינט, לאנדסלייט און קרובים. די הכנסת אורחים פון די מושקאטס איז געווען א שם־דבר, אזוי אויך זייער צוגעלאָזנקייט און פריינטשאפט.

ס'איז שווער דיך צו טרייסטן, שלמה, אייערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. דער טויט איז טאקע אומפארמיידלעך, נאָר באזונדערס אכזריות־דיק איז ער אין דעם פאל, ווען עס גייט אוועק אן אייגענער מענטש, וועמען מ'האָט ליב געהאט, געשעצט און זיך געפילט מיט אים אזוי נאָענט און היימיש.

זאָל דיר די ערד גרינג זיין, פעסאלע! דיינע פריינט און נאָענטע משפּחה וועלן תמיד געדענקען דיין ליבלעך געשטאלט און דיין ליבשאפט צו מענטשן. מיר וועלן דארפן געפינען די פאסיקע פאָרם צו פאראייביקן דיין ליכטיקן אָנדענק.

**דוד שטאָקפיש**

(פונעם הספד צו די שלושים, אויפן קבר פון דער פארשטאָרבענער)

## יידל עדעלשטיין ("קאראש") ז"ל

צו די שלושים נאָך יידלס טויט, האָב איך דעם טרייסט־בריוו צו דער אלמנה גיטעלע עדעל־שילדקרויט, אונדזער הארציקע פריינדין, אָנגעהויבן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

"איך האָב נאָר וואָס זיך אומגעקערט אַהיים פון דער דרוקעריי, וווּ כ'האָב געהייסן צעוואַרפן די שוין אויסגעזעצטע גראַטולאַציע לכבוד יידל'ס 80 יאָר, וואָס האָט באַדאַרפט דערשיינען אין "ישראל שטימע" – און געמוזט זי פאַרבייטן מיט דעם נעקראָלאָג צו זיין פּטירה. ס'האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ, ווייל כל־זמן מען באַשעפטיקט



זיך מיט גראַטולירן און ווינטשן, איז תמיד דאָ אַ האָפענונג. נאָר אַז מען פאַרנעמט זיך מיט נעקראָלאָגן, אָדער ווי מען רופט זיי – "די שוואַרצע רעמלעך" איז שוין נישטאָ קיין שום האָפענונג. און דאָס האָב איך געפילט, ביים אויסטוישן די ברכה צו 80 יאָר אויף אַ טרויער־ און מיטגעפיל־מעלדונג צום טויט פון א זייער נאָענטן חבר און פריינט, וואָס איז געשטאָרבן אין פאריז."

ס'איז נישט קיין סוד, אַז בדרך כלל וויל מען יענעם (און אויך זיך) טרייסטן מיטן ווערטל פון רוימישן פילאָזאָף סענעקא, וואָס האָט מיט העכער יאָר צוריק געזאָגט צו זיין פריינט: "ביסט אומפאַרמיידלעך צום שטאַרבן, שוין דורך דעם בלויזן פאַקט, וואָס ביסט געבוירן געוואָרן". אוודאי קלינגט דאָס זייער שיין, דערצו נאָך איז עס אויך ריכטיק. פונדעסטוועגן, אַז דער מלאך המוות לייגט אַרויף זיין טויטן־האַנט אויף אַ נאָנטן מענטש, דערפילט מען גלייך, אַז צוזאַמען מיטן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון אַ קרוב, חבר און פריינד, גייט אויך אַוועק אַ שטיק פון אייגענעם איך. און יידלס טויס איז אַ שווערער אומגליק נישט נאָר פאַר גיטעלען, אירע קינדער און אייניקלעך, נאָר אויך פאַר די אַלע נאָנטע פריינט. מיר אַלע האָבן דאָך אַזוי געשעצט זיין כאַראַקטער, באַוווּנדערט זיין טיפן וויסן און אינטעליגענץ, מקנא געווען די משפחה, וועלכע האָט זוכה געווען צו אַזאַ טרייען מאַן, פאָטער און זיידע. שוין אָפּגערעדט פון יידלס ערלעכקייט און גראָדליניקייט.

איך דערמאָן זיך איצט די עטלעכע שורות געווידמעט יידלען, אין אַ לענגערן כמעט־פעליעטאָן אונטערן נאָמען "לובלינער 'אַלפיניסטן' אויף די בערג", דערשינען אין "קול לובלין" נ'ר 20, נאָוועמבער 1985 – נאָכן פאַרברענגען מיט אים און נאָך חברים דעם זומער־וואַקאַנס אין די שווייצאַרישע און עסטרייכישע בערג. איך האָב דעמאָלט געשריבן:

"ווי דער שטייגער אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס ציילט 16 מענטשן, פאָדערט זיך אַ שעף, אַ קאָמענדאַנט, אַן אָנפירער, וואָס זאָל נישט נאָר פלאַנירן די רייזע און וואקאנס, נאָר אויך זיי אָרגאַניזירן און אַדורכפירן מיט וואָס ווינציקער מכשולים.

טאָ זאָל מיר דערלויבט זיין צו באַנוצן זיך מיטן ישראלדיקן "כל הכבוד" פאַר יידל עדעל, אָדער ווי מיר אַלע האָבן אים גערופן מיטן פסעוודאָנים, נאָך פון דער לובלינער "הכוח" – קאַראַש. דער־אָ האַרציקער, אינטעליגענטער ייד, אויסגעקאָכט אין די מאַפּעס און בערג, נישט ווייניקער ווי אין אנדערע וויסנשאַפטן, האָט אונדזער זומער־פאַברענג אָרגאַניזירט אויפן בעסטן אופן. אַלץ האָט געקלאַפּט ווי אַ גוט איינגעשטעלטע מאַשין. בלויז איין טאָג האָט מען מן השמים אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און אַ שניי מיט אַ רעגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די בערג און פאַרפלייצט די טאָלן.

צוגרייטן אַזאַ אונטערנעמונג, מיינט אויך זאָרגן וועגן אַ סך קליינ־קייטן. האָט ווער זיך געניייטיקט אין אַ שטעקן צום גיין, אין אַ סוועטער צום אָנטאָן, אין אַ שמירעכץ צו די שיך, אין אַ שנורוואַלדע – האָט מען דאָס אַלץ געפונען ביי קאַראַשן. ער האָט יעדע זאַך דערלאַנגט מיט אַ שמייכל און אויפקלערונג, ווי אַזוי זיך מיט דעם באַנוצן. פונקט ווי ער האָט די באַרג־קלעטערער אינסטרואירט און געפירט אויף די הויכקייטן מיט אַ סך געניטקייט און קענטעניש, געוווּסט ווען צו באַפעלן מ'זאָל גיין זיג־זאַג, ווען אויסגלייכן דעם רוקן, ווען זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע, אויף וועלכע ערטער זיך פאָטאָגראַפירן. אַלע האָבן אים געפאָלגט ווי אַ גוטן טאַטן, אפשר דערפאַר וואָס ער האָט קיינמאָל אויף קיינעמען נישט אויפגעהויבן דאָס קול, אָדער זיך אַ בייזער געטאָן. איז טאַקע געווען גרויס די פרייד ביי אַלע, ווען אונדזער קאַראַש האָט אויך באַקומען אַ מעדאַל־אויסצייכענונג פאַר זיין דערפאָלגרייכן אַדורכמאַכן דעם 9טן אינטערנאַציאָנאַלן בערגמאַרש – אישגל, צוזאַמען מיט הונדערטער טוריסטן און איינוווינער פון שטעטל, אויף אַ טראַסע פון 16 קילאָמעטער, צווישן טיראָל און די שווייץ."

★

די אַלע אויפריכטיקע און אמתדיקע שבחים אויף יידלס אַדרעס, זענען אַ טראָפּן אין ים פון זיינע מענטשלעכע באַציאונגען, לאָגישן צוגאַנג צו פּראָבלעמען און זיין ליבשאפט צו מדינת ישראל און צו אונדזער פאָלק. איך בין נישט מסוגל אַרויסצוברענגען אַלע מעלות טובות פון דעם דאָזיקן טייערן,

teatrnn.pl

האַרציקן מענטש. נאָך זאָלן די געצײלטע װערטער זײַן אַ טרײסט פאַר דיר, גיטעלע, פאַר די קינדער, אײניקלעך און משפּחה.

בײ ײדן האָט מען ליב זיך צו באַנוצן מיטן װערטל, אַז ס'איז בעסער אַ שם טוב װי אַן אבן טוב. ײדל האָט געלאָזן נאָך זיך נישט נאָר אַ גוטן נאָמען (שם טוב), נאָר איז אױך געװען אַן אײדלשטײן (אבן טוב), געניו װי זײַן פאַמיליע־נאָמען.

זאָל אים די ערד גרינג זײַן, אָבער מיר, װאָס האָבן אים געקענט פון דער נאָענט, איז שװער, זײער שװער...

**דוד שטאָקפיש**



## מרדכי יוסף עקהאוס ז"ל

הײ־יאָר, דער 14.5.91, איז אװעק אין דער אײביקײט נאָך אַ ײד פון לובלין, אַן אײנװױנער אױפן "זאמד" ביז אױסברוך פון דער צװײטער װעלט־מלחמה – דער ערלעכער און שטילער מרדכי יוסף עקהאוס. אױסגעװאַקסן אין אַ שטרענג רעליגיעזער שטוב, בײ אַ טאַטן אַ למדן און אַ מאַמע, באַקאַנט מיטן נאָמען טובה הינדע די גבאיטע. זײ האָבן געװױנט אױף 1טער מאי גאַס 37. דער יונגער מרדכי יוסף האָט אָבער אין דער פריער יוגנט איבערגעריסן מיט דער שטרענג רעליגיעזער רוטין, װעלכע די עלטערן האָבן געװאָלט אױף אים אױפצװינגען און ער טרעט אַרײַן אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע "יוגנבאַר" ("יונגע באַראַכאָװיסטן") בײ די לינקע פּועלי־ציון און װערט אײנער פון די אַקטיװסטע חברים. ער אָװאַנסירט שפּעטער אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און װײַזט אַרױס אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער פאָלק.

דער אױסברוך פון דער צװײטער װעלט־מלחמה, צװינגט אים צו אַנטלױפן קײן רוסלאַנד, װוּ ער לעבט איבער שװערע זיבן יאָר. ער, דער סאָציאַליסט, קומט צוריק פון דאָרט אַן אַנטױשטער און באַשליסט עולה צו זײַן קײן ארץ־ישראל. שױן אין אָנהײב 1946 געהערט ער צו די ערשטע אומלעגאַלע עולים פון דער שארית הפליטה – און ער װערט גלײַך מאָביליזירט אין צה"ל.

